בס"ד

גליון רי"ח (שנה ה') תשע"ז

# דברי יונה

מבאר תורתו של מרן הגה"צ רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל
בעהמח"ס דברי יונה וראש ישיבת ד'נייטרא

**פרשת ויחי תשע"ז - גליון מוגדל ומורחב ליומא דהילולא השלושים ורביעי של מרן הגה"צ רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל**

## יונה מצאה בו מנוח (זמירות לשב"ק)



**עיניך יונים. מה יונה זו נכנסת לקינה ומכרת את קינה ושובכה וגוזליה ואפרוחיה וחלונותיה וכו' (שיר השירים רבה א.)**

**ידוע** מאמר חז"ל הקדושים (ברכות יח.) צדיקים במיתתם קרויים חיים, מאמר זה מקבל משנה תוקף בשעה כזו, כאשר אנו מתבוננים קצת, שאנו מגיעים ליום היארצייט השלושים ורביעי לפטירתו של אבינו רוענו המסור והנאמן רבינו הבלתי נשכח, הגאון והצדיק **רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל** זי"ע, ראש הישיבה של הישיבה המפורסמת ד'נייטרא כשאנו מגיעים לרגע כזה, זה נותן זעזוע עמוק בלב, הלב רוצה להוציא זעקה עמוקה, חבל על דאבדין ולא משתכחין, זה הוא הרגש הטבעי של תלמיד המתבונן ביום כזה, אולם מאמר חז"ל הנזכר שבו התחלנו עכשיו, צדיקים במיתתם קרויים חיים, מאמר זה מורה לנו להתנהג קצת אחרת, אמנם השכחה מתגבר מאד על האדם כי כך היא דרך העולם, אבל חז"ל מורים לנו במאמר הנ"ל לקח נשגב, שהגם שהצדיק אינו נמצא אתנו בפועל ממש, אבל מכל מקום הוא בבחינת חי, דהיינו כי המעשים טובים שלו נשארים בחיים, ויש להם קיום עולמי ונצחי, וכענין שמבואר ברש"י הק' פרשת נח, על הפסוק (בראשית ה ט) אלה תולדות נח נח איש צדיק וגו', פירש רש"י שעיקר תולדותיהם של צדיקים מעשים טובים, והמעשים טובים של הצדיק נשארים לעולם ועד, ולכן גם במיתתם הם קרויים חיים, על שם מעשיהם הטובים שנשארים בעולם כמו בחייהם.

**על** הרבי האהוב והנערץ שלנו ר' יונה זצ"ל אפשר להגיד בבירור צדיקים במיתתן קרויין חיים, אולם כשמתבוננים קצת יותר בעמקות נראה דבר נשגב במאמר חז"ל הנזכר, דהנה כשמסתכלים לשעבר בודאי כל אחד נזכר עובדות וסיפורים על רבינו אחד אחרי השני, אבל התכלית אינו רק לזכור את הסיפורים של רבינו, אלא ברבות השנים יש ללמוד מכל אותם סיפורים ולהשתדל ללכת בדרכיו, וזה בעצמו הוא הזכר החזק ביותר שיש לעשות לנשמת הצדיק כמובא מצדיקים זי"ע שכל צדיק במה שעסק בעוה"ז באותו הענין עוסק גם למעלה להתפלל עבור כל אלו שהיו מקושרים אליו, כמובא מספה"ק דברי שמואל הצדיק בעולם הזה הוא בחי' הולך, וכשנסתלק לעולם הנצחי הוא אז בחי' עומד, וכשחוזרים על דבריו הקדושים מחויב הצדיק לבוא ולעזור להם ונעשה בחי' מהלך ומקויים בו מאה"כ (זכריה ג.ז) ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה.

**וגם** ידוע גודל השתטחות על קברי צדיקים, כידוע מהרה"ק מאמשינוב זי"ע היה פעם אחת על קבר צדיק אחד וראה שכולם נותנים ומניחין על קברי צדיקים ואמר בצחות לשונו צדיקים במיתתן קרויים חיים ולכאו' היה צריכין לומר נקראין חיים אלא הפירוש הוא קרואים חיים קורים הפתקאות של החיים הנותנים על קבריהם.

**ע"כ** לרגל היומא דהילולא השלושים והרביעי שחל **בעצם יום השבת קודש פרשת ויחי הבעל"ט ט"ז טבת,** באנו ללקט מאמרים, הדרכות, עובדות והנהגות, ענינים, ממרן זצ"ל, ללמוד ממעשיו וללכת בדרכיו, יהי"ר מלפני אבינו שבשמים שזכותו הגדול והקדוש יגן עלינו וימליץ טוב בעדינו ובעד כל קהל ישראל במקומות מושבותיהם עדי שנזכה לביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

**הגליון מוקדש לטובת ולעילוי נשמת מרן רבי יונה ב"ר ישראל הלוי פארסט זי"ע**

נלב"ע ט"ז טבת תשמ"ג — יומא דהילולא חל שב"ק ויחי

## ימלא פ"י תהלתך (תהלים עא ח)

# דברי יונה על פרשת ויחי

## וילכו גם אחיו וגו', הננו לך לעבדים וגו', ואתם חשבתם עלי רעה אלקים חשבה לטובה וגו'.

**ובאוחה"ק** כתב על זה דהרי זה דומה למתכוין להשקות חבירו כוס מות והשקהו והשקהו כוס יין שאינו מתחייב כלום וכו' והנה הקשו על דבריו ז"ל דלכאורה קי"ל שנתכוין לאכול בשר חזיר ועלתה לו בשר טלה דצריך כפרה וכמו שאמרו [ספרי יז] באשה שנדרה בנזיר ושמע בעלה והפר לה והיא לא ידעה ועוברת על נדרה ושותה יין ומטמאה למתים זו היא שצריכה סליחה וכו'.

**ואפ"ל** עפי"מ שכתב בספר ערבי נחל לבאר פסוקים אלו דהנה אמרז"ל [קידושין מ.] שלפעמים אדם נענש על מחשבה רעה, והטעם מסתברא כי מאחר שהשי"ת יודע מחשבות א"כ כך נחשב המחשבה לחטא כמו המעשה, משא"כ בין אדם לחבירו ודאי שאפילו יחשוב לחבירו רעה כל מה שגומל לו טובות אינו נענש, כי מה מזיק מחשבתו אחר שעי"ז אין מגיע לחבירו נזק, וז"ש שמכיון שה' חשבה לטובה, א"כ לא חטאו נגדו אלא במחשבה, וזה לא הוי חטא אלא בין אדם למקום, וז"ש התחת אלקים אני, וא"כ אצלו דהוי רק בין אדם לחבירו לא הוי חטא כלל.

**ולפי"ז** מיושב היטב דמה דקי"ל נתכוין לאכול בשר חזיר וכו' היינו בין אדם למקום, דאז שפיר צריך כפרה, משא"כ במתכוין להשקות חבירו כוס מות והשקהו והשקהו כוס יין אה"נ דאינו מתחייב כלום כיון דהוי רק מחשבה שאינו חייב בין אדם לחבירו. אמנם בעצם הדבר יל"ד מה שאמר ואתם חשבתם עלי רעה וגו' דלכאורה השבטי קה עשו כל מעשיהם על פי תורה, ומה שמסרו אותו למיתה כי דנו אותו למורד במלכות, וא"כ מה זה שאמר ואתם חשבתם עלי רעה וגו' דלפי"ז לא חשבו כלל לרע אלא חשבו דחייב עפ"י תורה, ואה"נ דהמה טעו בדבר ולכן הפך השי"ת מחשבתם ונתהפך הכל לטובה, אבל עכ"פ למה צריך לנחם אותם על כך.

**והנה** נודע מש"כ הגר"י ענגיל זצ"ל [ציונים לתורה כלל טו] וזה לשונו, דכירנא כד הוינא טליא שמעתי בשם גדול אחד שנסתפק בהא דבעינן שב מידיעתו לענין חטאת, ונסתפק אם לא היה העובר שב מידיעתו, ולא מחמת שהיה רוצה לעבור במזיד רק מחמת שאילו היה יודע אז היתה הידיעה גורמת היתר המעשה, אם זה מיקרי אינו שב מידיעתו לפטור מקרבן או לא. ועיי"ש מה שהאריך בזה בכמה צדדים, ובתו"ד מביא משו"ת חידושי הרי"מ [חיו"ד סימן ט] במי שאכל שלשה חתיכות ושניהם היה שומן ואחד חלב, דיש שיטות הראשונים דאף דמדאורייתא בטיל חד בתרי, אמנם זהו דוקא כשנודע התערובות, אבל בלא נודע התערובות לא בטיל. אולם בנוגע לחיוב חטאת זה תלוי בחקירה הנ"ל, דלכאורה יש סברא לומר דנקרא בזה לא שב מידיעתו דאינו חייב חטאת, דאי היה נודע התערובות לא היה שב מידיעתו דכיון שכבר נודע התערובות א"כ כבר בטיל חד בתרי ושוב אינו חייב עיי"ש בארוכה. ועכ"פ השבטים שסברו שעושים עפ"י תורה, א"כ לא היה שייך בזה שב מידיעתו, ששפיר ידעו מה שעושים ועכ"ז סברו שזה עצמו היתר ומצוה, וא"כ מה זה שאמר להם ואתם חשבתם עלי רעה וגו'.

**אמנם** באמת צ"ל שהשבטים בעצמם הרגישו בהמשך הזמן שהיה בזה איזה פגם, דהלא מצינו בפסוק שאמרו [בראשית מב כא] אבל אשמים אנחנו על אחינו וגו' ויש בזה התבוננות גדול על גודל צדקתם של שבטי קה, שלא מצאו בעצמם שום פגם בכל משך ימי חייהם שבשביל זה יגיע להם עונש, רק בדבר זה של מכירת יוסף, אשר גם בזה היה סוברים בעצם שיש בזה מצוה, אבל עכ"פ כשהגיע להם עונש, התחילו לחשוב שמא היה בזה איזה פגם. אמנם לא ידעו בעצמם מה היה הפגם, ולכן כשבאו עכשיו אצל יוסף אמרו לו הננו לך לעבדים וגו' שהרגישו כבר שהיה איזה פגם, אבל עדיין לא ידעו מהו, כי אף שכבר ידעו שהיו טועים בדבר, כי יוסף לא היה ח"ו מורד במלכות כי החלומות נתקיימו, אבל עכ"פ המה מצד עצמם הלא היו רשאים לדונו כך, והיה רק טעות בדבר הלכה, וא"כ מהו הפגם בזה. ותשובתו של יוסף להם אפשר להבין במה שאנו רואים בתקופתינו, ובפרט במדינה זו, שיש חסרון התבוננות אצל כל יחיד, כי היחיד בדרך כלל אינו מתבונן בכל הנעשה סביבו, אלא שהרבה אלפי יחידים סומכים על המחשבה וההתבוננות של יחיד אחד הכותב במכ"ע או דורש השקפתו ברבים, והולכים אחרי זה בעינים עצומות, וכמובן שזה גורם מכשולות גדול.

**וכידוע** ממרן החת"ס זצ"ל שלא רצה להסכים על ענין של רב המדינה, ואמר בדרך משל שכל זמן שיש לכל אחד נר בביתו, הרי אם כבה נרו נחשך רק אצלו ולא אצל כל אחד משא"כ אם יעשו אור כלול בכל המדינה [וכמו שיש אור העלעקטער], הרי אם יתכבה במרכז כח האור אזי יהיה חושך בכל מקום. וכמו כן אם יהיה הנהגה כללית של רב המדינה, אזי אם יהיה ח"ו הירוס אצלו אזי זה יגרום הירוס בכל המדינה.

**וזה** שעורר יוסף את השבטים, דלכאורה כשיש רבוי אנשים צריך להיות גם ריבוי דעות, כי כל יחיד צריך להתבונן בכל פרט, ולאו כל אנפין שוין וממילא נעשה ריבוי דעות, אבל אם רואים שרבים חושבים מחשבה אחת דומה, הרי זה מוכיח שלא התבוננו כל אחד לעצמו, אלא כולם סמכו על דעה של יחיד אחד. וז"ש להם ואתם חשבתם עלי רעה וגו' והיינו שמכיון שכולכם כאחד חשבתם עלי רעה, ולא היה בזה ריבוי דעות, הרי מוכח מזה שלא היה כאן התבוננות נכונה מכל יחיד לעצמו, וא"כ זה היה הפגם הגדול אצלם. ובעוה"ר זהו חורבן גדול שאנו רואים היום שחיים בלי שום התבוננות לעצמו, ובפרט אחד הנני לעורר על זה גם אצל הבחורים והוא בנוגע לעבודת המידות. ובאמת ישנם כאלו שנדמה להם שדבר זה אינו נוגע לישיבה, כי כל התחייבותו לגבי הישיבה הוא רק שלא יפריע במה שנוגע לסדרי הישיבה בלימוד וכו' אבל מה שנוגע למצב עצמו אם יש לו מידות רעות וכדומה זה אינו נוגע לנו, וא"כ אין לי לדבר על כך ולהתערב בעניניו הפרטים. אבל באמת לא כן הוא כי ענין המידות הוא ענין עמוק מאד ואם אינו עובד על כך, זה גורם לו הרבה רעה באחריתו.

**ולדוגמא** אציין ענין אחד מה שהנני רואה הרבה אצל בחורים שאינם נזהרים בדיבור שקר, ואם שואלים אותו על איזה דבר מה שלא התנהג כהוגן, אין זה מעכב אצלו להתנצל בדבר שהוא שקר מוחלט. ואף שהוא יודע שאסור לומר שקר, אבל מכיון שהוא רגיל שהוא צריך למצוא מוצא בניקל מכל דבר העומד לו בדרכו, ולכן כששואלים אותו איזה דבר שאם יאמר המענה האמיתית לא יהיה לו לכבוד וינזפו בו על כך, כבר אינו יכול לעמוד בנסיון והוא משקר ל"ע. אמנם בחור החי בקצת התבוננות אזי הוא יודע שאם השי"ת צוה מדבר שקר תרחק, והוא אינו נזהר בכך, א"כ מה תועלת יש לו בלימודו. ואולי ח"ו היצה"ר מניח לו ללמוד כדי שעי"ז יתדרדר למטה בשאר ענינים. כי אם לא ילמוד אזי יעמדו בדרכו ולא יניחו לו, ויצטרך לקבל הדרכה בכל הענינים, ולכן מניח לו ללמוד כדי שעי"ז לא יטפלו עמו ויוכל לטנף עצמו בתרמית ומרמה ושקרים ותוצאותיה מי ישורנה, כי כשהיצה"ר כבר יש לו דריסת הרגל אצל אחד, אזי זה הולך מדיבור למעשה מטה מטה ל"ע. ומוטל חובה גדולה על כל בחור להתבונן תמיד בכל דרכיו ומעשיו בכל הפרטים כדי שיוכל להתכונן בימי בחרותו על כל ימי חייו ושנותיו הבאים לקראתו, כי באמת במשך ימי החיים.

**צריכים** להרבה כוחות דקדושה וגם מסי"נ בהרבה פרטים שיוכלו להתנהג כהוגן עפ"י התוה"ק. ובאמת בימי הבחרות אי אפשר לומר כהיום שיש איזה מסי"נ בעבור התורה, כי מה שרוצים ללמוד באישון לילה בזמן שמצד הנהלת הישיבה צריכים לישן זהו אינו מסי"נ ורק עקשנות, ומסי"נ יש אולי כשבחור מתגבר על הסביבה שלו שאינם מתמידים בתורה, והוא מתגבר על החברים ועל היצה"ר של עצמו ולומד בהתמדה בזה יש קצת מסי"נ. אבל עכ"פ במשך החיים יש הרבה פעמים שצריכים למסי"נ, ובפרט כשטרודים על המחיה ועל הכלכלה, ובאים לבית בלילה עיף ויגע, ועכ"ז מתעודדים לקבוע עתים לתורה, זהו בחינה של מסי"נ בעבור ה' ולכל זה יש להתכונן בתקופה זו כאשר יושבין בישיבה בלי טירדות, ויש הכל מוכן ומזומן בהרחבת הדעת, עכשיו צריך כל אחד לעבוד על עצמו בכל הענינים כדי שיהיה מוכן אצלו כוחות דקדושה לכל ימי חייו. ויש לזכור גם שיש בזה ענין של כיבוד אב, כי הלא ההורים מתיגעים מאד לתכלית בניהם, ואם התלמיד אינו מתחשב בכל זה ונדמה לו שהכל מגיע לו הרי זה עוולה גדולה, וידוע מהחידושי הרי"ם שאמר כששואל אברך למה אינו לומד כהוגן הוא משיב שהוא צריך לעמול בעד הבנים, וא"כ לכאורה היינו צריכים לראות שמתגדלים גדולי ישראל מאותם הבנים שמניחים את אחרים להתייגע בעבורם ולהתבטל מלימוד עצמם, ואיה איפוא הם.

**ועכ"פ** בודאי שכל אחד צריך להתבונן בנפשו גם בענין זה, מה שצריכים להתעורר ולתעודד להתעלות בתוי"ש לצד התחייבותו להוריו. וכן יש להתבונן שבחור הלומד תורה, צריך שיהיה כל התנהגותו ביר"ש ובמידות, ולא להיות להוט אחר אכילה ושאר עניני עוה"ז. הנה אמרז"ל אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, אמנם גם מי שממית עצמו קצת זהו ג"כ חשוב מאד, כי כמו שבאיסור יש חצי שיעור כן במצוה יש ג"כ ענין של חצי שיעור. ואם מתאמץ עצמו בעבור התוה"ק אף קצת זהו ג"כ בחינה של ממית עצמו כי מה לי קטליה כולה ומה לי קטליה פלגא. אבל אם רוצים לחיות רק בהרחבה ובמנוחה בלי שום התאמצות בודאי שבאופן זה אין התורה יכול להתקיים אצלו. וכלאחד צריך להתבונן בכל זה כפי מצבו וערכו, והשי"ת יהיה בעזריכם להיות מוסיף והולך בתוי"ש בהצלחה רבה.



מדור "תולדות חייו"

באשרייבונג און אידיש די לעבען פון

## מרן הגה"צ רבי **יונה הלוי פארסט** זצ"ל

בעהמח"ס דברי יונה וראש ישיבת ד'נייטרא

צו די דריי און פערציג'סטע יארצייט

## דעם שבת קודש פרשת ויחי הבעל"ט

ט"ז טבת תשמ"ג - תשע"ד

דעם קומענדיגען שבת קודש פרשת ויחי, ט"ז טבת, ווערט אפגעצייכנט גאנצע דריי און פערציג יאר צו דער פטירה פון דעם גאון וצדיק וחסיד מפורסם, אוצר כלי חמדה, איש האשכולות, חסידא ופרישא, **רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל**, דער באוואוסטער ראש ישיבה אין נייטרא און מח"ס דברי יונה, וועלכער האט זוכה געווען מעמיד צו זיין תלמידים לאלפים, זיי מדריך זיין על מבועי התורה והחכמה, און אויפלעבן צעבראכענע הערצער, וועלכער איז נסתלק געווארן ט"ז טבת תשמ"ג לחיי העולם הבא.

## דאס געבוירען ~ וזרח השמש

**הגה"צ** רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל איז געבוירן אין עיר הבירה וויען אין שנת תרע"ו, צו זיין פאטער הרבני החשוב ר' ישראל הלוי ז"ל, וואס האט אריגינעל געשטאמט פון דער ווייטער גאליציע, נאר צוליב דער ערשטער וועלט מלחמה האט ער געמוזט אוועקוואנדערן קיין עסטרייך. זיין פאטער ר' ישראל ז"ל איז געווען אן איש תם וישר וירא אלקים, א נהנה מגיגיע כפו, אבער אן עובד ה', וואס פלעגט פאסטן יעדן מאנטאג און דאנערשטאג, און ביז צו זיין לעצטן טאג נישט אויפגעגעבן דעם געהויבענעם מנהג.

**אין** דער ריינער לופט פון יראת שמים און אהבת התורה איז רבי יונה זצ"ל ערצויגן געווארן. זיין התמדת התורה איז פון דער יוגנט אן אריבער יעדן גרעניץ. טעג און נעכט האט ער משקיע געווען אין אהבת התורה און שקידת התורה. א חן פון יראת שמים איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין געזיכט, און זיינע רבי'ס וואס האבן אים מחנך געווען אין "יסודי התורה" האבן באוואונדערט זיינע געבענטשטע כשרונות און יראתו הקודמת לחכמתו.

## גיין לערנען ~ והוי גולה למקום תורה

**אין** שנת תרצ"א, זייענדיג פופצן יאר, איז ער געגאנגען לערנען קיין טירנוי, וואו ס'האט דעמאלט געפירט די ישיבה הגאון הגדול רבי שמואל דוד אונגאר זצ"ל, דער שפעטערדיגער נייטרער רב. ער האט זיך דארט משלים געווען אין תורה ויראה, און געגאסן גרויס חביבות פון זיין רבי'ן. ער איז דארט שוין געווען א שיינענדער שטערן אין אלע מעלות ומדות וואס די חכמים רעכענען אויס.

**ווען** זיין רבי איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין ק"ק נייטרא, איז דער תלמיד חביב מיט אים מיטגעגאנגען, און איז אויסגעשטיגן פון די מצויני און בעסטע תלמידים אין דער ישיבה.

**זיין** גאנצן לעבן, ביז צו די עלטערע יארן, עוד נשמתו בו, איז כמעט נישט דורכגעגאנגען א שמועס אדער דרשה ברבים וואס רבי יונה זאל נישט דערמאנען א שיינע אימרה אדער מעשה רב פון זיין באליבטן רבי'ן, אין א בחינה פון "נפשו קשורה בנפשו" אין בוכשטעבליכן זין פון ווארט.

**הערנדיג** וועגן דער "ישיבת חכמי לובלין" וואס איז געעפנט געווארן, האט ער געגליסט אהינצוגיין לערנען, זיך משלים זיין אין תורה אונטער'ן שאטן פון הגאון המפורסם רבי מאיר שפירא זצ"ל אבד"ק לובלין. אין יענער תקופה איז רבי יונה פאררעכנט געווארן צווישן די בחורים מצטיינים וואס האט זיך געקענט פארהערן 200 בלאט גמרא, און דעריבער האט מען זיך צו אים באצויגן מיט אן אויסטערלישע שעצונג, און ער איז געציילט געווארן צווישן די לייבן אין דער חבורה.

**אין** די שפעטערע יארן, פלעגט ער נאך רעדן מיט א פרישקייט און נאסטאלגיע פון יענער לעכטיגער תקופה, ער האָט געוואוסט צו דערציילן בטוב טעם וועגן די רבי'ס אין פוילן וואס ער האט זיי געקענט יונגערהייט. א שטייגער ווי דער גערער רבי דער אמרי אמת זצ"ל, דער טשארטקאווער רבי, און רבי מאיר שפירא. די תורה און יראת שמים וואס ער האט זיך דארט אנגעשעפט האט אויף זיין יונגן נפש געלאזט אן אומפערגעסליכן איינדרוק. זייער השפעה איז אים געבליבן איינגעבאקן אין הארצן במשך פון זיין גאנצן לעבן.

## יסורין של אהבה ~ אשרי הגבר אשר תיסרני י-ה

**דא** אין דער ישיבת חכמי לובלין האט ער געוויילט עטליכע יאר, אבער ס'האט אים פלוצלינג באטראפן דארט א שרעקליכע צרה, ער איז ל"ע געלעמט געווארן. חדשים לאנג האט ער געשוועבט צווישן לעבן און טויט, א לאנגע צייט האט ער געמוזט זיין פארנומען מיט רפואות אין שפיטעלער, ביז מ'האט פון הימל אויף אים רחמנות געהאט, און צעביסלעך איז ער צוריק צו די פריערדיגע כוחות, כמעט, זיין מחלה איז קאנצענטרירט געווארן אין זיינע פיס, און אלס תוצאה פון זיין מחלה איז ער פון דעמאלט ביז צום טאג פון זיין פטירה לחיי-עד געבליבן הינקעדיג און איז געווען צוגעבינדן צו א רעדער-שטול. ס'דארף אגעוויזן ווערן, אז במשך דער תקופה פון זיין מחלה, האט זיך מיט אים אפגעגעבן מיט א מורא'דיגן ידידות זיין גוטער חבר פון דער ישיבה באנק אין לובלין, הגאון הגדול רבי שמואל הלוי וואזנער זצוק"ל בעל שבט הלוי, וואס זיי זענען געווען מורא'דיג מקושר, און מ'קען צושרייבן צו זיין זכות א באדייטנדן טייל און פארגרינגערן מצב. מיט יארן שפעטער, באטיטולט אים הגר"ש וואזנר זצוק"ל אין א בריוו מיט'ן טיטול "כבוד חברי ועמיתי"...

**ווי** רבי יונה אליין זאגט עדות, זענען במשך זיין ווײלן אין שפיטאל פאריבער אויף אים אויסערגעווענליכע נסיונות, ווי הגה"צ מנייטרא זצ"ל האט דערציילט, האט אים רבי יונה אמאל געזאגט, ווען נישט זיין דאווענען מיט בכיות רבות, און די גרויסע סייעתא דשמיא צו וועלכן ער האט זוכה געווען, וואלט ער נישט געקענט ביישטיין די פילע נסיונות וואס האבן אויף אים געלאקערט דארט אויף א מבהיל'דיגן אופן. סיי צוליב'ן טעם וואס ס'האט זיך בכלל נישט געפונען אין א סביבה פון אידן, אויך האט אים געפעלט ספרים. עקסטער איז ער אפגעהיטן געווארן פון זיך צו דארפן אויסשמירן מיט מאכלות אסורות. כדי נישט צו פארברענגען די צייט, האט ער זיך דעמאלט ערגענצט אין עטליכע ספרי חכמה, ווי ספרים אויף חכמת היד און שרייבן, וואס זיין בקיאות דערין איז אים געבליבן איינגעקריצט אין זכרון זיין גאנץ לעבן.

**אין** קורצן: זיין שווערער מצב, זיין צוגעבינדנקייט צום קראנקן בעט, האט נישט צעבראכן זיין פעסטן גייסט, ער האט זיך געשטארקט און געהאלטן פעסט, טראץ די אוממענטשליכע באדינגונגען. איי ער האט נישט געקענט גיין, פארט איז ער אנגעקומען צו יעדן פלאץ וואו ער האט געשטרעבט, בגשמיות און א ודאי ברוחניות!

## לולי תורתך שעשועי ~ וקוי ה' יחליפו כח

**קוי** ה' יחליפו כח, ווי נאר זיין מצב הבריאות איז אביסל בעסער געווארן, האט רבי יונה באשלאסן צוריק צו פארן קיין נייטרא, צו דער ישיבה פון זיין גרויסן רבי'ן זצ"ל. כאטש די זאך איז געווען פארבינדן מיט שוועריקייטן, ער האט דאך געדארפט צוקומען צו הילף פון אנדערע, האט עס אים פארט נישט געקענט אפהאלטן פון דורכצופירן זיין מחשבה מכח אל הפועל. זיין פעלזן-פעסטע און אנטשלאסענע החלטה איז געווען צוריקצוגיין צו דער נייטרער ישיבה.

**מען** דערציילט, אז בשעת מען האט איהם אנגעטראגען דעם כתב רבנות פון די נייטרא קהילה, און די טירנויער קהילה האט זיך איינגעבעטען ער זאל זיי נישט איבער לאזען, האט זיך ער פארטראכט, און זיך אנגערופען, מיין הארץ זאגט מיך, אז עס וועט זיין א צייט, ווי עס וועט מער נישט זיין קיין ישיבות, און נאר אין נייטרא וועט נאך זיין ישיבה, און אזוי איז עס געווען צום סוף, וואס די נייטרער ישיבה איז געווען די לענגסטע ישיבה וואס האט זיך אנגעהאלטען אונטער די רשעים ימ"ש ביי די צווייטע וועלט מלחמה.

**אן** אונטערעסאנטע השגחה פרטית האט פאסירט, ווען ר' יונה איז אנגעקומען צוריק אין נייטרא. אין יענע צייט האבען בדרך כלל עשירים נישט געהאט קיין גרויסע השגות צו געבען פאר ישיבות, ווייל זיי האבען נישט געהאט די ריכטיגע חשיבות התורה, האט זיך אבער געמאכט א גביר מיטען נאמען י. שווארץ ז"ל הי"ד, וואס האט מנדב געווען צו בויען פיר גרויסע און שיינע צימערן, פאר די בחורים אין די ישיבה, און ער האט עס געבויט ממש לעבן די ישיבה, און עס האט זיך געענדיגט ממש פאר ר' יונה איז אנגעקומען אין נייטרא, אזוי עס איז געווען מיט די בחינה פון הקדים רפואה למכה, אזוי אז ער האט זיך נישט געדארפט ארום וואלגערן, און ער האט באקומען א צימער פאר זיך, וואס איז געווען ממש לעבן די ישיבה.

**זיין** בלויזע געפונען זיך צווישן די כותלי הישיבה, האט שוין א סאך משפיע געווען אויפ'ן גאנצן ארום. זיין גרויסער ידיד נפשו הגאון רבי חיים מיכאל דוב ווייסמאנדל זצ"ל פלעגט זיך רעכענען מיט זיין מיינונג, און אין אים געזען דער אדם השלם מיט'ן ה"א הידיעה. רבי יונה האט זיך כמעט גענצליך אפגעשיידט פון עולם-הזה'דיגע ענינים, וויניג געגעסן און וויניג געשלאפן. ס'איז ביי אים

מקויים געווארן וואס חכמינו ז"ל זאגן אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה. אלטע תלמידים פון נייטרא האבן געוואוסט צו זאגן עדות וועגן זיין גרויס התמדה אין תורה, אן קיין איבעררייס און אן קיין אפשטעל. מ'האט אים געהאלטן ווי א "תלמיד המחכים את רבו", ווען זיין רבי האט געזאגט א שיעור ברבים פאר די בני הישיבה, וואס האט זיך דעמאלט געציילט צו דריי הונדערט בחורים, האט רבי יונה אלץ מפלפל געווען, אריינגערעדט, אדער מיט זיין גרויס בקיאות צוגעלייגט: "די קושיא איז געברענגט דארט און דארט; דער ענין ווערט דארט מבואר", וכדומה.

**רבי** יונה האט צעביסלעך אנגעהויבן ווערן בארימט אלס דער אויסגערופענער ריז אין תורה, איינער וואס פארמאגט ברייטע ידיעות און בקיאות בכל חדרי תורה, גאנצע סוגיות זענען שגור על פיו מיט אן אויסערגעווענליכע קלארקייט, און מיט א חריפות עצומה נעמט ער דורך טיפע ענינים פון ים התלמוד מיט א קלארקייט. ווי נאר זיין רבי האט געפרעגט א קושיא, איז רבי יונה געווארן דער "תל תלפיות" וועמען יעדער האט געפרעגט און געוואלט וויסן צי די קושיא איז געברענגט אין די ראשונים אדער אין די אחרונים.

**אינאיינעם** מיט זיין גדלות בתורה האט ער זיך געפייניגט דעם גוף אויף אן אומגלויבליכן פארנעם. ער האט זיך באגענוגט רוב וואכנטעג בלויז מיט'ן עסן סארדינען. ער האט קיינמאל נישט געגעסן ביי אנדערע, און נאר געווען אריינגעטאן אין תורה ועבודה.

**א** שטיק צייט איידער די ביטערע מלחמה האט זיך אנגעהויבן, האט מען צוגעבויעט עטליכע שטיבלעך נעבן בית המדרש פון דער ישיבה צו קווארטירן די ארעמע בחורים, וועלכע האבן זיך נישט געקענט ערלויבן א געהעריגע אכסני'. ווי פארשטענדליך, האט רבי יונה באקומען איין צימער, כדי צו פארגרינגערן זיין קומען און גיין צום היכל הישיבה. פון דעמאלט אן איז מען אים כסדר געקומען זיך מיט אים דורכשמועסן, אפילו זיין רבי דער נייטרא רב זצ"ל און זיין איידעם הגאון רבי חיים מיכאל דוב ווייסמאנדל זצ"ל, פלעגן אים באזוכן און מיט אים שמועסן ענינים העומדים על הפרק. זיין רבי דער נייטרער רב האט צו אים געשיקט בחורים וואס האבן געדארפט חיזוק און אינספיראציע, און ווער ס'איז אריין צו רבי יונה'ן טרויעריג, איז פון דארט ארויסגעקומען פרייליך און גוט אויפגעלייגט.

**אין** ספר דברי יונה (ח"ב, בזכרונות של צדיק) ווערט דערציילט, אז זיין רבי דער נייטרא רב ר' שמוא' דוד זצ"ל פלעגט אסאך גיין שפאצירען מיט ר' יונה, כדי צו שמועסען מיט איהם, אבער היות ר' יונה האט נישט געקענט גיין אויף זיינע פיס, פלעגט איהם זיין רבי פירען מיטען ווילטשער, און די תלמידים פלעגן קוקען מיט התפעלות, ווי אזוי דער רבי פירט זיין יונגע תלמיד.

## די מלחמה יארען ~ שנות הזעם

**ביי** די ביטערע מלחמה יארן האט ער מיטגעמאכט גאר א סאך, אבער פארט האט מען געזען די השגחה עליונה וואס האט אויף אים געהאלטן אן אויג, און מיט א וואונדערליכן אופן, מיט אפענע נסי נסים, איז אויף אים נגזר געווארן פון הימל צו בלייבן לעבן להחיות עם רב.

**ווי** נאר די פינסטערע מלחמה האט אויסגעבראכן האָט שוין זיין רבי הגה"ק בעל נאות דשא זצ"ל זיך געזארגט מ'זאל זיכער מאכן נישט איבערצולאזן רבי יונה'ן, ווייל **"ער איז א קדוש, און מ'דארף אים ראטעווען"**.

**ס'איז** מערקווירדיג צו ציטירן א לשון פון הגרחמ"ד ווייסמאנדל זצ"ל אין איינער פון זיינע בריוו, וואו ער שרייבט וועגן רבי יונה'ן אין יענער שווערער תקופה: **"יש בחור בישיבתינו, גאון בתורה וצדיק בדרכיו בשמו ר' יונה פארסט נ"י מגולי וויען והוא חולה את רגליו"...** אין די שפעטערע שורות לייענט מען וועגן די געוואלדיגע השתדלות וואס ס'איז כדאי צו טאן פאר דער הצלה פון רבי יונה'ן: **"ואם יציל את הבחור הצדיק הזה בדרך הזה, אז מובטחני שעשה צדקה גדולה מאוד מאוד כדאי לחלק עוה"ב, יותר מאשר עושה עמי ועם ביתי כי אין כערכו!" [אין אידישער איבערזעצונג: דורכ'ן ראטעווען דעם בחור הצדיק ר' יונה, וועט מען האבן א גרעסערן חלק אין עולם הבא ווי מ'ראטעוועט מיך און מיין משפחה!]** דוכט זיך אז די ווערטער רעדן פאַר זיך אליין. קאמענטארן זענען גענצליך איבעריג!

**און** אנפאנג פון די מלחמה האט ר' יונה באקריגען א נאמען פון א רואה ואינו נראה, ווייל ווען די רשעים ימ"ש פלעגן קומען זיכען אין ישיבה כאפען תלמידים, און אלע זענען געלאפען זיך גיין באהאלטען, האט אבער ר' יונה נישט געקענט לויפען, און פונדעסטוועגן האט מען איהם נישט געכאפט - דאס איז געווען די ערשטע נס.

**ווער** האט זיך דאס דען געקענט פארשטעלן אין זיין שוואכן צושטאנד, מיט זיין מחלה און נישט קענענדיג גיין אויף די פיס, זאל ער דורכשוויצן די שווערסטע יארן אין דער תקופה פון אידישן פאלק. אבער פון הימל האט מען אזוי געפירט ער זאל קענען ווייטער שטיין צו הילף פאר טויזנטער אידישע קינדער ביז צום טאג פון זיין פטירה. אין אנהויב איז ער געבליבן אין נייטרא, און ווען די פארשאלטענע רשעים ימ"ש האבן אנגעהויבן זוכן תלמידים, און ער איז געבליבן אן קיין עצה, איז געווען א וואונדער אז די עס-עס שר"י האָבן אים נישט באמערקט. מ'האט געזאגט אויף אים אז ער איז א "רואה ואינו נראה", ווייל די רשעים זעען אים נישט. ער האט זיך אלס אינוואליד פארשטעקט אין בונקערס, זיך אויסבאהאלטן און דורכגעשטופט דעם שווערן מצב.

**שפעטער** איז ער פארטריבן געווארן קיין טערעזיענשטאט מיט נאך עטליכע הונדערטער אידן. אהין איז ער אנגעקומען אן זיין רעדער-שטול, און קיינער האט זיך נישט געקענט פארשטעלן ער זאל נאך ארויסקומען פון די נאצישע נעגל לעבעדיג, אבער השי"ת האט זיך דאך זיינע וועגן, און ווי נאר ער איז אנגעקומען קיין טערעזיענשטאט, האט מען אים באלד געפירט אין ארטיגן שפיטאל. די רשעים פלעגן דארט וועכנטליך אונטערזוכן די קראנקע, און וועמען זיי האבן געהאלטן אומפאסיג צו ארבעטן, האבן זיי באלד געשיקט צום אוישוויצער גיהנם. רבי יונה האט אבער געטראפן חן ביי די דאקטורים, און זיי האבן אים ביז צום סוף פון דער מלחמה אויסגעהאלטן פון די רשעים'ס אויגן. מ'האט געזען אפן ווי ער ווערט אפגעהיטן פון הימל אויף יעדן טריט און שריט.

**אין** יענער שווערער תקופה האט רבי יונה נישט אריינגענומען אין מויל קיין טריפה'נע מאכלים. זיין עיקר זארג איז נאר געווען וויאזוי צו פארגרינגערן אנדערע אידן, מיט וואס ס'איז מעגליך. ס'איז פארבליבן א בריוו וואס ער שרייבט אין יענער תקופה פון שפיטאל אינגאנצן פארלוירן: כ'בין נאך צעמישט פון די ידיעות וואס דערגרייכן... מ'מוז ראטעווען יעדן נפש מישראל... איר האט זיכער געהערט אז בעוה"ר האט מען פארכאפט א "בונקער" מיט זעקס נפשות... ס'איז שווער אויסצוהאלטן די צרות... מ'קען זיך צודעקן דאס קאפ מיט דער האנט און זאגן א ברכה, אנדערש קען מען טראכטן דעם נוסח הברכה...

**ער** דריקט אויס אין זיין בריוו האפענונג, השי"ת וועט אונז דערהאלטן, מיר זאלן נאך זוכה זיין צו זען און זיך צו פרייען מיט אונזערע ברידער פון נאענט און ווייט, וויל מיר זענען אלע בני איש אחד, בני בניו של אברהם יצחק ויעקב...

## נאך די ביטערע מלחמה ~ איש על העדה

**ווען** די מלחמה האט זיך געענדיגט איז רבי יונה געווען צעבראכן און צעשאסן. ספעציעל וואס ער האט אין יענער תקופה כמעט נישט אריינגענומען קיין עסן אין מויל. זיינע חברים האבן זיך נישט געגלייבט וואס זיי זעען: רבי יונה איז געבליבן לעבן! ווי א זעקל ביינער האט ער זיך פון דארט קוים דערשלעפט קיין פרעשבורג, וואו ער האט ווידער געדארפט אריינגיין אין שפיטאל פאר באהאנדלונגען, און ער האט זיך דארט פאמעליך ערהוילט.

**פון** דארט האט זיך רבי יונה צוריקגעלאזט קיין נייטרא, וואו ער האט תיכף אנגעהויבן מיט זיין עבודת הקודש, בפרט פאר אזוינע יתומים וואס זענען געבליבן עלנד און איינזאם נאך דעם שרעקליכן חורבן, מיואש ברוחניות, פארלוירן אן האפענונג, וואס רבי יונה האט אין זיי אריינגעבלאזן חיזוק און מוט, גערעדט צו זייער הארץ, און ממש אריינגעבלאזן א גייסט פון לעבן, א נשמה חדשה.

**פון** נייטרא איז ער געפארן אינאיינעם מיט די תלמידים קיין קארלסבאד, טשעכאסלאוואקיי, פון דארט קיין ווערסיי, פראנקרייך, וואס רבי יונה איז די גאנצע צייט געווען דער איש מורם מעם וואס האט געדינט ווי א געטרייער טאטע פאר די אלע איינזאמע בחורים. דער גבור איש חיל וחכימא דיהודאי הגה"ק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל איז אקעגנגעקומען פון אמעריקע, מיט דער הילף פון די ידידים ותלמידים פון הגה"ק אבדק"ק נייטרא זצ"ל, און אנגעגרייט פאר זיי אן ארט זיך צו באזעצן אין סאמערוויל, ניו דזשורזי, דארט גרינדן א ישיבה און זיך איינארדענענען א ניי לעבן. אויף חנוכה תש"ז האט רבי יונה מיט די פארבליבענע תלמידים באטראטן דעם אמעריקאנער בארטען.

## זקן ויושב בישיבה ~ אין נייטרא ישיבה

**די** אלטע תלמידים פון דער נייטרא ישיבה דערציילן מיט א טיפן התפעלות און התרגשות, וועגן יענע ערשטע צייטן אין סאמערוויל.

**רבי** יונה איז פארעכנט געווארן צווישן די וואס האבן איבערגעפלאנצט די נייטרער ישיבה אין אמעריקע, וואס איז דעמאלט געווען די ערשטע ישיבה פון דעם סארט וואס האט זיך געפונען אינדרויסן פון דער שטאט. ווען רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל איז נסתלק געווארן, האט רבי יונה אריינגעקוקט ביי דער לויה אינעם אפענעם קבר, פאר סתימת הגולל, און זיך אנגערופן: ר' מיכאל בער, ר' מיכאל בער, מיין גאנץ לעבן וועל איך אוועקגעבן פאר דער נייטרא ישיבה. כ'וועל ארבעטן טאג און נאכט פאר דיין ישיבה. אזוי זאג איך דיר צו ביים אפענעם קבר. און ר' יונה האט טאקע משקיע געווען אלע זיינע כוחות פאר דער נייטרער ישיבה.

**הגה"צ** דער נייטרער רב זצ"ל האט בשעת זיין הספד אויף רבי יונה זצ"ל זיך אויסגעדריקט מיט די ווערטער פון נביא "עיני עיני יורדה מים", אז ביים מייסד זיין די ישיבה זענען געווען די צוויי גדולים וואס האבן אים געהאלפן, הגה"צ רבי מיכאל בער זצ"ל און הגה"צ רבי יונה זצ"ל, "הם היו לנו לעינים", און אצינד האבן מיר פארלוירן אונזערע ביידע אויגן און וועג ווייזער. עיני עיני יורדה מים.

**אויסער** וואס ער האט רוב צייט פארברענגט צווישן די ווענט פון דער ישיבה, און אינאיינעם מיט הגה"צ מנייטרא זצ"ל און אלע חשוב'ע רמי"ם פארארבעט מעשים צו הייבן דעם מצב הישיבה, האט ער בפועל באוויזן מחנך צו זיין הונדערטער און טויזנטער תלמידים וואס זענען צו אים צוגעצויגן געווארן און געבליבן מיט אים פארבינדן בעבותות אהבה ביז צום היינטיגן טאג.

## מחזק דיין אידען ~ מחזק לבבן של ישראל

**רבי** יונה'ס חתונה מיט זוגתו הרבנית הצדיקת ע"ה איז געפראוועט געווארן אין דער נייטרא ישיבה, וואו אלע בחורים האבן זיך געפילט ווי משפחה, און אהערגעשטעלט שטעקענעס ער זאל קענען גיין צו דער חופה אויף זיינע פיס. נאך דער חתונה האבן אים די בחורים געטראגן אויף א שיין בענקל צו זיין דירה, וואס האט זיך געפונען אין בנין הישיבה, באגלייט מיט טענץ און געזאנג, פון וועלכן רבי מיכאל בער זצ"ל האט געהאט א גרויסע הנאה.

**פון** ווען רבי יונה זצ"ל האט געבויעט זיין שטוב מיט דער רביצין ע"ה, איז עס געווארן א בית ועד נישט נאר פאר חכמים, נאר א תל תלפיות שהכל פונים אליו. יעדער וואס האט געזוכט האט געטראפן ביי אים טרייסט, הילף, שטיצע, ראט און טאט. ער האט מיט די טיפענישן פון זיין נשמה געהאלפן, מחזק געווען, מדריך געווען אידן פון גרויס ביז קליין.

**דער** חידוש נפלא איז געווען, וואס רבי יונה אליין איז געווען שבור ורצוץ, סיי ער האט געליטן פון דער קראנקער פיס, נישט קענענדיג זיך באוועגן, סיי ער האט ליידער נישט זוכה געווען געהאלפן צו ווערן מיט זרע של קיימא.

**סיי** די געשעענישן פון דער מלחמה האבן אויף אים געלאזט זייערע צייכענעס, וואס יעדע פאר זיך איז געווען גענוג צו צוברעכן זיין שטארקן גייסט. אבער ניין. נישט רבי יונה'ן איז איינער ווען מ'קען צעברעכן! ער איז געווען דער סימבאל און ביישפיל פון גליק און שמחת החיים אין אן אופן וואס מ'האט ממש געקענט טאפן מיט די הענט. ער האט צוגעלייגט אן אויער צו דערביטערטע אידן וואס האבן זיך פאר אים אויסגעגאסן דאס הארץ, און מיט זיין לשון לימודים האט ער זיי געטרייסט און געגלעט. ספעציעל איז ער געווארן בארימט אלס א מתווך בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו, אן איש השלום, וואס האט מיט סייעתא דשמיא באוויזן אריינצוברענגען א סאך שלום צווישן אידן.

**רוב** שעה'ן פון טאג האט ער געזארגט פאר אנדערע. ער האט זיך מפקיר געווען צו העלפן אידן. ווען רבי יונה איז אמאל געוואויר געווארן פון א שרעקליכן עקסידענט, וואו דער ראש המשפחה איז פאטאל פארוואונדעט געווארן ל"ע, איז זיין ערשטע זארג געווען: וואס וועט זיין מיט דער משפחה? פון וואו וועלן זיי האבן יעצט פרנסה? - דאס איז געווען אין שפיץ פון זיינע דאגות.

**אידן** האבן געקענט צו אים אריינגיין אינמיטן די נאכט אזוי ווי אין מיטן טאג. הגם אליין איז ער געווען א צעבראכענער מענטש, האט ער געשפרודלט מיט שמחה. טאג און נאכט האט געקלינגען ביי אים דער טעלעפאן, ער פלעגט האבן אין שטוב צוויי טעלעפאנען, ווייל ס'פלעגט אים ביי אים כסדר קלינגען, פון אידן וואס זענען געווען דארשטיג נאך זיינע זיסע רייד, און וואס האבן געזוכט ער זאל זיי מדריך זיין אויפ'ן ריכטיגן וועג. פון פארשידענע ערטער האט מען אים אנגעפרעגט עצות אין מערערע ענינים, אידן האבן זיך מיט אים שואל עצה געווען אין עניני מסחר, זייענדיג דער חכם און פיקח עצום, און דאס אלעס האט ער געטאן אזוי עניוות'דיג און באשיידן כאילו ער וואלט פאקטיש גארנישט געטאן.

**הגה"צ** דער נייטרער רב זצ"ל האט געזאגט אויף אים ביים הספד: ער איז נישט געווען קיין רבי וואס האט געלייענט קוויטלעך, ער איז געווען א איד מיט אן אפן אויער, מיט הארץ, יעדער האט געוואוסט, ס'איז דא א איד וואס הערט צו און ס'ווייטאגט אים אידישע צער, ער נעמט דאס גאנצע פעקל אויף זיינע פלייצעס!

## נאה דורש ~ דורש טוב לעמו

**רבי** יונה איז געשטאנען אין שפיץ פונעם מחנך זיין בחורים, פארלערנען שיעורים, און זאגן מוסר דרשות וואס זענען געווען דורכגעווייקט פון יראת שמים, און ארויסגעקומען פון א הייס צעקאכט הארץ וואס האט געברענט פאר'ן אויבערשן. זיינע דרשות זענען געווען באגלייט מיט הדרכות פון זיין אח לדיעה, דער אומפארגעסליכער ידיד נפשו הגה"ק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל.

**רוב** יארן פלעגט דינסטאג און ערב שבת זיין דער באשטימטער טאג ווען ער פלעגט איבערגעבן זיינע מוסר דרשות פאר די תלמידי הישיבה. דער מעמד פלעגט זיין א שטארק געהויבענער און רגש'דיגער. רבי יונה זצ"ל איז געווען באשאנקען מיט זיין פה מפיק מרגליות, ער האט געוואוסט וויאזוי צו פלעכטן איין ענין צום אנדערן, פלעגט ער אלץ אנהויבן מיט א דבר שמעתתא, וואס האט נוגע געווען די פרשת השבוע אדער א סוגי' וואס מ'האט געלערנט אין ישיבה, און פון דארט איז ער אריבער רעדן דברי אגדה און מוסר וואס האבן צוגעצויגן די הערצער פון די צוהערער. זיינע דורכדרינגליכע רייד זענען געווען פול מיט סיפורים און עובדות פון זיין גרויסן רבי'ן דער נייטרא רב זצ"ל און הגאון רחמ"ד ווייסמאנדל זצ"ל, און ווען ער האט דערמאנט זייער נאמען, האט מען געזען דעם ציטער מיט וועלכן ער ווערט באהערשט, ער האט געגאסן מיט טרערן פון גרויס התרגשות צו די אמאליגע טעג.

**און** זיינע דיבורים פלעגן יורד ונוקב זיין לתוך חדרי בטן, זייענדיג אמת'ע דברים היוצאים מן הלב. זיינע ווערטער זענען אלץ געווען דורכגענומען מיט גרויס התרגשות און האבן שטענדיג גערופן אידן צו התבוננות און חשבון הנפש. ווער נאך ווי אים, דער נאה דורש ונאה מקיים, איז געווען אזוי פאסיג מחזק צו זיין אנדערע אידן. ער האט אין זיינע דרשות זיך מתמרמר זיין וועגן אידישע צרות און אומגליקן רח"ל, זאגן אז מיר דארפן ריכטיג אויסטייטשן דעם סיגנאל פון הימל, פארבעסערן אונזערע מעשים בתורה ובעבודה, זיך איינשפאנען אינעם אויבערשטנס דינסט. ווי ער פלעגט שטענדיג צוגעבן: "קיינער האט דאך נישט קיין קאנטראקט אויף זיין לעבן, דארף דאך יעדער כאפן און ערפילן זיין תפקיד".

**ער** פלעגט כמעט שטענדיג אין זיינע דרשות רעדן פון די מלחמה יארן, וואס אידן נעבעך מיטגעמאכט, און חסדי ה' כי לא תמנו וואס מען זעט היינט ב"ה וועלכער דור ס'איז ארויסגעקומען נאכ'ן ביטערן חורבן. ער פלעגט זאגן: "אפילו כ'בין יודע ערכי, איך ווייס ווער ס'רעדט און ווער ס'זאגט, אבער ווען מ'טראגט א בריוו איז נישט וויכטיג צו זאגן ווער ס'טראגט דעם בריוו, דער עיקר איז וואס ס'שטייט אינעם בריוו, צי עס איז וויכטיג צי נישט".

**אינאיינעם** מיט דעם האט רבי יונה געדינט ווי אן איבערגעגעבענער טאטע, ער האט מיטגעווייטאגט מיט די תלמידים, זיך מיטגעפרייט מיט זייערע שמחות, זיי ערצויגן, מדריך געווען, און איז געווען דער קנויט פון זייער לעבן. די עצמות היבשות האבן באקומען א פרישן לעבן, און דער מוט אנצוגיין ווייטער האט זיך ביי אלעמען געשטארקט.

**די** תלמידים פון יענע יארן שרייבן גאר גרויס פון אים, ווי דער ווינער רב הגה"צ רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א שרייבט: זכרתי ימים מקדם, ווען כ'האב זוכה געווען צו שעפן אביסל פון די קוועלער פון חכמה פון דעם גרויסן גאון און צדיק, וואס איז געווען ווי א מעיין המתגבר אין תורה, און בעיקר זיין צדקות און ריינע הארץ, מיט זיינע דערהויבענע מידות, וואס ער איז געווען פון די יחידי סגולה אין אונזערע צייטן. אויך אן רעדן און אן ווערטער, איז זיין אנוועזנהייט אליין געווען א בחינה פון "כולו אומר כבוד". זיין געשטאלט האט משפיע געווען יראת שמים אויפ'ן גאנצן ארום. ווער רעדט נאך ווען ער האט אויפגעמאכט זיין מויל צו זאגן דברי תורה, זענען די ווערטער געווען לעכטיגע און פרייליכע, מיט א זיסקייט, מיט א חן, ואחת היתה יונתי תמתי כאשר היתה דבר ה' אל יונה.

**תלמידים** האבן געזאגט אז ער פלעגט האבן א צוגעפאסטע שפראך צו אלעמען. ער איז אריין אין די קעמערלעך פון הארצן פון יעדן איינעם, צי ס'איז געווען א חסיד'ישער בחור, אן אויבערלענדישער, צי אן אמעריקאנער, יעדן האט ער באאיינדרוקט מיט א יראת הכבוד, און ער האט אזוי באוויזן אריינצופלאנצן תורה, יראה ועבודה, עול מלכות שמים, און מדות טובות.

**און** נישט נאר די תלמידים האבן אזוי מעריך געווען דעם "ראש הישיבה", נאר אויך די אנדערע רמ"י הישיבה, וואס זענען געווען גדולי ישראל בשעתם, האבן

זיך פאר אים מבטל געווען מיט א שטוינענדער הערצה. הגאון האדיר רבי יעקב הארענשטיין זצ"ל, וואס איז אויך געווען פון די משפיעים אין נייטרא ישיבה, האט זיך אמאל אויסגעדריקט, ארויסצוברענגען זיין חביבות צו רבי יונה'ן: "אויב וואלט רבי יונה געדארפט אריבערגיין א טייך, און ס'וואלט נישט געווען קיין בריק, וואלט איך ביך געבויגן ר' יונה זאל אויף מיר אריבערגיין!"

## מחזק זיין מוסדות התורה ~ מרבה פעלים לתורה ולחסד

**רבי** יונה איז געווען אן אמת'ער עבד ה' ועבד עמו ישראל. ער האט זיינע שטערקסטע כוחות אינוועסטירט צו העלפן אנדערע אידן. זיין גאנצער מהות איז געווען חסד, און ער האט זיך נישט צוריקגעהאלטן פון גארנישט ווען ס'האט זיך געהאנדלט אין א טובה טאן יענעם.

**ס'האבן** די תלמידים אויף אים געזאגט במליצה, די גמרא זאגט אויף משה רבינו ע"ה אז ער איז געווען "מחציו למעלה אלקים ומחציו למטה איש". אויף ר' יונה זצ"ל האט מען אויך געזאגט,ליידער מחציו למטה איז ער דאך געווען פאראליזירט, ער האט נישט פונקציאנירט, אבער מחציו ולמעלה איז ער געווען אן איש גיבור חיל, לוחם מלחמת ה', מקנא קנאת ה' צבקות.

**ספעציעל** פלעגט ער טאן פאר דער הרחבת גבולי הקדושה פון דער ישיבת נייטרא. ער איז געווען א ריכטיגער "רץ כצבי", האט ארומגעקלעטערט זיצנדיג אין א רעדער-שטיל ל"ע אין די הייזער פון נגידים און נדיבים צו זאמלען געלט לצורך הישיבה, און איז אנגעקומען א סאך ווייטער ווי אנדערע קומען אן מיט זייערע געזונטע פיס".

**צווישן** די פילע מוסדות וואס ר' יונה האט שטארק געשטיצט איז אויך געווען דער כולל אברכים אין וויליאמסבורג. כאטש דער כולל פלעגט יענע יארן זיין אויפ'ן דריטן שטאק, פלעגט ר' יונה צוויי מאל א יאר ארויפקומען צום כולל, מחזק צו זיין די בני הכולל און רעדן צו זיי. נאך זיין פטירה האט מען דעם כולל א נאמען געגעבן "בית יונה", לזכרו הבהיר ולעילוי נשמתו.

## ביים דאווענען ~ עמוד העבודה

**און** אינאיינעם מיט זיין געוואלדיגע מדריגות אין חסד, און מיט זיינע פערלדיגע דרשות און שטוינענדע ידיעה אין ים התלמוד, האט מען טראץ זיין געוואלדיגע פשטות וואס האט ווי פארשלייערט זיין גדלות, אויך גוט באמערקט זיין אויסטערלישע עבודה וואס האט געברענט אין אים תוך תוכו, ווי מיט א העליש פייער, לעבודתו ית'. דאס הארץ האט אין אים געברויזט לעשות נחת רוח ליוצרו ובוראו.

**בנו** חורגו הצדיק רבי שלמה פעלדמאן זצ"ל, וועלכער איז ביי אים ערצויגן געווארן, פארשרייבט עטליכע דוגמאות פון זיין עבודה שבלב אין דער הקדמה צום סידור "תפלת יונה" צום ביישפיל וואס ער פלעגט מתפלל זיין פאר אידן וואס האבן זיך געהאט ביי אים מזכיר געווען פאר ישועות און רפואות צי אנדערע דאגות. דאס גאנצע חביבות וואס ער האט ארויסגעוויזן צום דאווענען איז אליין אן אויסטערלישע זאך וואס פאדערט התבוננות. דא איז א גברא רבא, וואס ראנגלט זיך מיט שווערע ביטערע יסורים ל"ע העכער א יובל יארן, ער איז טאג און נאכט צוגעשמידט צום בעט אדער צום רעדער-שטול, פונדעסטוועגן שטארקט ער זיך ווי א לייב, צו קומען טעגליך דאווענען אין שול בציבור. ער שטרענגט זיך אן טראץ דער מורא'דיגער טירחא, צו זיין צייטליך, נישט נאר פון די "עשרה ראשונים", נאר ער איז מקפיד צו זיין דער ערשטער ממש! ער רעדט כסדר פון קומען פרי און צייטליך צום דאווענען, און נישט צו פארשפעטיגן דעם סדר התפילה.

**צייטנווייז** האט מען אנגעזען זיין גרויס רגש ביים דאווענען. צום ביישפיל ווען ער האט געזאגט יום כיפור קטן, האט מען געזען ווי זיין צורה ווערט רויט ווי פייער. מ'האט דעמאלט אנגעזען זיין פנימיות אינדרויסן. כל נדרי נאכט פלעגט ער וויינען מיט אזוינע יאמערליכע בכיות, אז מענטשן האבן זיך פשוט געוואונדערט וואס וויינט אזא גרויסער מענטש מיט אזעלכע דמעות שליש? וויפיל עבירות און פשעים האט ער דען געטאן? זיינע מקורבים האבן אבער געוואוסט וואס א שווערע לאסט פון צרות ישראל רבי יונה זצ"ל טראגט אויף זיין שוואכן איקסל, און זיי האבן זיך שוין גארנישט געוואונדערט.

**ספעציעל** איז געווען א מורא'דיגע מראה צוצוקוקן ווי ער גייט אין מקוה מיט מסירות נפש. סיי וואס ער האט נישט געקענט גיין אויף די פיס, און סיי וואס זיין גוף איז געווען אזוי שוואך, האט ער זיך מתגבר געווען צו גיין יעדן פרייטאג און שבת אינדערפרי אין מקוה. ער האט זיך אין די גרעסטע קעלט געשלעפט שבת אינדערפרי אין מקוה, און די טבילה פלעגט צוגיין מיט אזא זריזות, ממש מיט מסירות נפש.

**בנו** חורגו הצדיק רבי שלמה זצ"ל האט דערציילט, אמאל שבת שובה האט ער נישט געקענט גיין אין מקוה שבת אינדערפרי, ווייל דער ערל וואס פלעגט אים נעמען האט זיך יענעם שבת פארשפעטיגט, האט רבי יונה נישט געוואלט זאגן די שבת שובה דרשה נאכמיטאג, ביז ער גייט זיך פריער טובל'ן אין מקוה. ס'האט נישט געהאלפן די אלע טענות, די מקוה איז קאלט, ס'איז שוין טונקל דארט ווייל די עלעקטער איז שוין פארלאשן נאכמיטאג, ס'איז פשוט א סכנה צו גיין. מ'האט אים געמוזט נעמען אין מקוה. ווען מ'האט דאס דערציילט פאר הרה"ק דער סקולענער רבי זצ"ל, האט ער זיך אויסגעדריקט: צו קוקן אויף אזא איד קען מען נתעורר ווערן לתשובה.

**ער** האט אסאך גערעדט וועגן דעם ענין פון מותרות, א איד איז נישט קיין גוי נאר א חלק אלקי ממעל, וואס דארף האבן א שאיפה צו שטייגן העכער אין עבודת ה', נישט צו וועלן אריינכאפן אלע תאוות עולם הזה, ווי דער רמב"ן זאגט אין פרשת קדושים. ער פלעגט מזהיר זין צו זאגן ברכת המזון אין א סידור, ווי דער באר היטב ברענגט אז ס'איז מסוגל לפרנסה.

**הגה"צ** רבי אלימלך אשכנזי זצ"ל גאב"ד מעלבורין, וועלכער האט געלערנט מיט אים אין ישיבת חכמי לובלין, האט דערציילט ביי זיין הספד לפני מטתו א לימוד נפלא וויאזוי מ'דארף צו געבן תוכחה: ס'איז געווען א איד וואס האט אויפגעמאכט אן עסן געשעפט, און ער האט אויך פארקויפט דארט פארשידענע זאכן, צייטונגען און זשורנאלן וואס א טייל פון זיי זענען נישט געווען לפי רוח חכמים. זענען געווען פארשידענע מענטשן וואס זענען צו אים געגאנגען מוחה זיין, אים געסטראשעט אז מ'וועט אויפהענגען א קול קורא נישט צו קויפן ביי אים ווייל ער פארשפרייט שמוץ, אבער קיינער האט נישט מצליח געווען אויף יענעם זיך צו טוישן די מיינונג. ווען רבי יונה האט דערפון געהערט, איז ער גאנגען צום געשעפט, געשטאנען אינדרויסן און געווארט ביז ס'איז געווארן ליידיג, דערנאך איז ער אריין אין געשעפט, זיך ארומגעקוקט און צוגערופן דעם בעל הבית, אים זאגנדיג: איך זע האסט אויפגעמאכט א געשעפט, כ'וויל שיקן אידן קויפן ביי דיר. איך וויל עצה'ן מענטשן צו קויפן דוקא ביי דיר, זאלסט האבן פרנסה בדרך כבוד. אבער איך זע אז דו האסט אזוינע סארט צייטונגען וואס כ'האב מורא אידן וועלן צוליב דעם נישט וועלן קומען. ווייס איך נישט וואס צו טאן. די ווערטער וואס זענען געווען דברים היוצאים מן הלב, ווייל ער האט באמת געמיינט יענעמס טובה, האבן געהאט די ריכטיגע השפעה, און יענער האט יענעם טאג נאך ארויסגענומען אלע צייטונגען פון געשעפט.

## והדבק בו ~ הערצה פון צדיקים וגדולי ישראל

**צדיקים** און גדולי ישראל האבן אים מורא'דיג מעריך געווען כערכו הרם. דער סטראפקובער רב הגה"ק רבי מנחם מענדל זצ"ל, וואס איז געווען באקאנט אלס איש קדוש ופועל ישועות, שרייבט אויף אים אין א בריוו, בעת רבי יונה איז נאך אינגאנצן אלט געווען 32 יאר: "הרב החריף ובקי בכל חדרי תורה וביראה טהורה החסיד"...

**הגה"ק** רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל האט געהערט אמאל ווי דער סטראפקובער רב זצ"ל רעדט צו זיך אינמיטן לייענען קוויטלעך, און זאגט: "ווי קען איך נעמען קוויטלעך? יונה פארסט איז גרעסער פון מיר, ער קען נעמען!"

**אמאל** האט רבי יונה געדאווענט יום כיפור ביים סטראפקובער רב אין וויליאמסבורג, און ער איז דארט געבליבן א גאנצע נאכט. אינדערפרי האט דער סטראפקובער רב גערופן רבי יונה'ן צו זיך, און אים געזאגט: "לאמיך אייך זאגן, איך האב אייך זייער ליב, וויל איך אייך בענטשן!" און ער האט ארויפגעלייגט אויף רבי יונה'ן זיינע הענט און אים געבענטשט.

**אמאל** ווען הרה"ק דער ריבניצער רבי זצ"ל האט געוויילט אין סיגעיט, איז רבי יונה צו אים געפארן און געווארט אינדרויסן אריינצוגיין. אינמיטן איז דער ריבניצער רבי ארויסגעגאנגען, און דערקענט ווי ר' יונה זיצט דארט אוןווארט, איז ער צו אים צוגעלאפן און זיך ממש געווארפן אויף דער ערד, בעטנדיג פון רבי יונה מחילה, פארוואס ער האט געדארפט ווארטן...

## דאס דביקות פון רבי יונה זצ"ל און מרן רביה"ק מסאטמאר זצ"ל

**גאר** ספעציעל נאענט האט הגה"צ רבי יונה פארסט זצ"ל זיך געהאלטן צום רבן של ישראל מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, א קשר וואס האט זיך אנגעקניפט ווען דער סאטמארער רבי זי"ע האט אין שנת תש"ז, פון נאך פסח ביז חצי סיון, זיך געפונען אין דער נייטרער ישיבה אין סאמערוויל, אריינגערעכנט דעם הייליגן יו"ט שבועות, וואו ר' יונה האט זיך מסתופף געווען בצל קדשו און זוכה געווען צו א חביבות והוקרה יתירה.

**ווי** באקאנט פלעגט הגאון רבי מיכאל דוב ווייסמאנדל זצ"ל לאדענען צו אים אין דער נייטרער ישיבה, גדולי ישראל, כדי די בחורים זאלן זיך קענען ווארעמען צום ליכט פון ערליכע אידן און תלמידי חכמים. עס פלעגן אהין קומען בקביעות אין די זומער טעג הגה"ק רבי יונתן שטייף זצ"ל, וואס האט דארט געגעבן שיעורים פאר די בחורים. אויך זענען געקומען אהין דער צעהלימער רב זצ"ל, דער סטראפקובער רבי זצ"ל, און דער אמשינאווער רבי זצ"ל וואס האט געפירט צוויי שבתים אין דער ישיבה.

**יענעם** יאר ווען מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז געקומען קיין אמעריקע, תש"ז, ווען דער רבי האט נאך אפילו געהאט אין פלאן צוריקפארן קיין ארץ ישראל, האט הגאון רבי מיכאל דוב ווייסמאנדל זצ"ל אויסגעניצט די געלעגנהייט און געלאדנט דעם רבי'ן צו קומען צו דער נייטרער ישיבה וואס האט זיך געפונען אין סאמערוויל. דער רבי איז טאקע אהין אנגעקומען באלד נאך פסח און דארט פארבליבן ביז צוויי וואכן נאך שבועות. אין יענע עטליכע וואכן וואס דער רבי האט זיך געפונען אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה, האט ער מיט זיי געלערנט שיעורים כסדרם, אסאך געשמועסט מיט די תלמידים דברי תורה, און מיט זיי געפראוועט א גאר געהויבענעם און התעוררות'דיגן יום טוב שבועות.

**דעם** רבי'נס ווילן דארט איז געווען א געוואלדיגע חיזוק פאר די צעבראכענע בחורים פון נאך דער קריג. זיי האבן געקענט פארברענגען אינעם שאטן פונעם קדוש עליון, מיטהאלטן זיין הייליגע עבודה, הערן די שיעורים אין דער וואכן און די דברי תורה שבת קודש און יום טוב בצל הקודש. דער רבי פלעגט דארט האבן א באזונדערן מנין פאר נוסח ספרד, אבער שפעטער אינמיטן טאג, ווען דער רבי פלעגט מיטדאווענען מיט דער ישיבה, האט ער מקפיד געווען מ'זאל דאווענען אויפ'ן נוסח אשכנז כמנהג הישיבה. דער רבי זי"ע האט געזאגט אז דער קשר מיט די תלמידים און דאס זאגן שיעורים און דברי תורה האט אים אליין געגעבן גרויס חיזוק.

**במשך** יענער תקופה אין סאמערוויל האט רבי יונה זצ"ל זוכה געווען צו שמועסן מיט רביה"ק זי"ע גאנצע נעכט, און דער רבי האט זייער מחשיב געווען רבי יונה'ן און זיין עבודת הקודש מיט די תלמידים. הגאון רבי אברהם חיים שפיטצער זצ"ל אב"ד אור חיים ב.פ. האט דערציילט ביים הספד לפני מטתו פון רבי יונה'ן:

**איך** וועל קיינמאל אין לעבן נישט פארגעסן, און מיינע חברים אויך נישט, יענע צייטן פון צווישן אסרו חג פסח תש"ז ביז בערך צוויי וואכן נאך שבועות, ווען דער צדיק הדור רוח אפינו משיח ה' דער הייליגער סאטמארער רב זי"ע איז געווען מיט אונז אין דער ישיבה, און יעדעס מאל וואס דער סאטמארער רב איז ארויס פון דער ישיבה, האט ער זיך מיט אזא ליבשאפט געזעגנט פון רבי יונה'ן. איך געדענק, איינמאל איידער ער איז ארויס, האט ער זיך אפגעשטעלט און געשמועסט מיט רבי יונה'ן, און צום סוף זיך אנגערופן: **"רבי יונה, איך האף, דער אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן קענען צוזאמען גיין אקגן משיח'ן, און איר וועט גיין אליין מיט געזונטע פיס!"** קיינמאל וועל איך נישט פארגעסן די ווערטער, האט רבי אברהם חיים אויסגעפירט ביי זיין הספד.

**אין** ספר דברי חמודות (עמ' רלה) ווערט דערציילט, אז ווען רביה"ק זי"ע האט געוואלט אוועקפארן פון דער נייטרא ישיבה נאך שבועות, און ס'איז שוין געווען באשטימט דער טאג ווען דער רבי זי"ע פארט צוריק קיין וויליאמסבורג, איז אנגעקומען צו דער ישיבה א חשוב'ער בעל בית מיט א "קאר", כדי אריינצודרייוון דעם רבי'ן אין דער שטאט. אינעם ברען פון די הכנות צו דער נסיעה האט אבער איינער פון די בחורים געטאן א ווילדע מעשה, זיך צוגעשלייכט צום קאר, און פון דארט ארויסגענומען א חלק פונעם מאטאר, כדי מ'זאל עס נישט קענען אנצינדן, אזוי וועט דער רבי נישט אוועקפארן...

**ווי** רביה"ק זי"ע האט זיך אריינגעזעצט אין קאר, און דער דרייווער האט געוואלט אנהויבן פארן, האט מען באמערקט ווי דער מאטאר איז צעבראכן, און די קאר קען זיך נישט רירן. דאס פארלוירנקייט איז געווען גרויס. אבער רבי יונה זצ"ל וואס איז געשטאנען אין דרויסן האט פרובירט זיך איינבעטן דער רבי זאל בלייבן. ער האט זיך אנגערופן צום רבי'ן: זעט אויס פון הימל וויל מען נאך דער רבי זאל בלייבן א ביסל לענגער מיט אונז. נאר זעענדיג ווי שטארק אנטשלאסן דער רבי איז צו פארן קיין וויליאמסבורג, האט מען געמאכט א טומעל מ'זאל שנעל צוריק פאררעכטן די קאר, און דער רבי האט געקענט פון דארט אהיימפארן לשלום.

**ס'איז** געבליבן א בריוו וואס דער סאטמארער רבי זי"ע שרייבט און באטיטולט רבי יונה'ן: "חסידא ופרישא!" - ווען מ'האט אמאל געפרעגט רבי יונה'ן וועגן דעם טיטול וואס דער סאטמארער רב האט אים געשריבן, האט רבי יונה זיך אויסגעדריקט מיט זיין פשטות: "יא, דער סאטמארער רב האט געזען א צעבראכענעם איד אויף א "ווילטשעיר", האט אים געוואלט מחזק זיין, און דעריבער געשריבן שיינע טיטלען"...

**אויך** אין די שפעטערע יארן פלעגט רבי יונה פארן צו רביה"ק זי"ע. עס האט דערציילט הגה"צ רבי משה לייב הורוויץ מסטריזוב זצ"ל, אז אמאל אין איינער פון די חנוכה נעכט, ווען רבי יונה איז אנגעקומען צום רבי'נס צינדן, האט ער אריינגעפרעגט אינמיטן רבי'נס פלפול, וואס מ'איז נישט געווען געוואוינט דערצו, אבער דער רבי האט מפסיק געווען און זיך מפלפל געווען מיט רבי יונה'ן.

**רבי** יונה האט אליין דערציילט אז אמאל פורים ווען ער האט געהערט קריאת המגילה פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז געווען אזא גרויסע התעוררות, ווי א פשוט'ער מענטש האט בשעת'ן דאווענען נעילה יום הקודש. ער האט ממש פארטייטשט יעדעס ווארט לויט מאמרי חז"ל. האט ער מסביר געווען: ווייל וואס איז דען דעם סאטמארער רב געווען א נפקא מינה וועלכע מצוה ער טוט, צי ס'איז אכילת מצה, צי לימוד התורה, צי גמילות חסדים, צי חייב איניש לבסומי אדער אנדערע מצוות. יעדע איינציגע מצוה האט דער רבוש"ע געהייסן טאן, און יעדע מצוה דארף מען ווען ס'קומט דער זמן טאן מיט'ן תכלית השלמות און התעוררות, אזוי ווי ביים דאווענען נעילה יום הכיפורים.

**זינט** דער הסתלקות פון מרן רביה"ק זי"ע פלעגט רבי יונה נאכזאגן כמעט ביי יעדער שלש סעודות תורה פון ספה"ק דברי יואל. ס'איז פאראן א דרשה וואס ער האָט געזאגט אין א סעודת הודאה כ"א כסלו לרגל הצלה והשחרור פון רביה"ק זי"ע. עס ווערט געברענגט אין ספר דברי יונה חלק א' אין נאך א מורדיגע דרשה אין חלק ב' ס'איז כדאי צו כאפן א בליק דערין, צו זען זיין געוואלדיגן דביקות וקשר עליון וואס ער האט געשפירט צו דעם נשר הגדול, שריד מצדיקי דורות הקודמים, מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע.

**אויך** איז רבי יונה געווען שטארק בידידות מיט כ"ק מרן אדמו"ר בעל ברך משה מסאטמאר זצ"ל וואס האט זיך ביים הספד אויסגעדריקט: "ר' יונה קען טאקע נישט גיין אויף די פיס בפועל, אבער מיט זיינע מעשים גייט ער ווייט ווייט!"

## יונה מצאה בו מנוח (זמירות ליום שב"ק)

**ויונה** מצאה בו מנוח בשב"ק פרשת ויחי ט"ז טבת תשמ"ג עס איז צוגעפאסט צו דעם כנסת ישראל נמשלה ליונה די מדרשים ברענגען אז דער עוף יונה איז נישט נהנה בש"ק נאר פון עשבים תלושים נישט פון קיין מחובר לקרקע און דער פשט אין זמר הנ"ל ושם ינוחי יגיעי כח רבי יונה איז אויך אין שב"ק שבת וינפש ליום שכולו שבת החזיר נשמתו הקדושה לאבינו שבשמים ושם ינוחו יגיעי כח וואס זיין ציון המצוינת וואס מען האט דעמאלסט מקדש געווען איז סמוך ונראה להישיבה הק'.

**טויזנטער** האבן זיך משתתף געווען זונטאג ביי דער לויה, וואס איז פארגעקומען אין ביהמ"ד תורת חמד דנייטרא אין בארא פארק. עס האבן געהאלטן הספדים כ"ק מרן הברך משה מסאטמאר זי"ע, הגה"צ מנייטרא זצ"ל, הגה"צ מסאדאווונא זצ"ל, אין נאמען פון די תלמידים האבן גערעדט הגה"צ רבי אברהם חיים שפיצער זצ"ל אבד"ק אור חיים ב.פ. הגה"צ ממאטערסדארף שליט"א און הגה"צ רבי בנציון שטראססער שליט"א דומ"ץ נייטרא ב.פ.

**ער** איז נטמן געווארן אויפ'ן נייטרא בית החיים אין מאונט קיסקא. דארט זענען געהערט געווארן הספדים פון הגה"צ קאשויער רב זצ"ל, נייטרער רב זצ"ל און הגה"צ רבי שמעלקא טויבנפעלד זצ"ל.

**לאחר** פטירתו האט בנו חורגו הצדיק רבי שלמה פעלדמאן זצ"ל מייסד געווען די ישיבת "תפארת יונה" אין ב.פ. לזכר נשמתו פון רבי יונה פארסט זצ"ל.

**בנו** חורגו הרה"ח מוה"ר ר' טובי' אביגדור פעלדמאן שליט"א האט אין די לעצטע יארן ארויסגעגעבן די צוויי חלקים פון ספר "דברי יונה" דרשות מוסר על התורה און מכתבים, באגלייט מיט תולדותיו של אותו צדיק, אויך איז יעצט געווארען איבערגעדיקט פון פריש ספר דברי יונה "חלק ראשון". ער איז אונז אויך געווען שטארק בייהילפיג מיט'ן צוגרייטן אט דעם מאמר לפי ערכו הרם פון הגה"צ רבי יונה זצ"ל, און ווי ער גיט איבער, גרייט מען זיך שוין בקרוב ארויסצוגעבן א דריטן חלק "דברי יונה" לאור עולם.

**גאר** א סאך איז נאך געבליבן צו שרייבן וועגן דעם גרויסן גאונות און צדקות, השלמה, מעלות רמות און מדריגות ממש פון הגה"צ רבי יונה ב"ר ישראל הלוי פארסט זצ"ל, וואס זיין השפעה איז געווען גאר גרויס, און האט איבערגעלאזט תורה ויראת שמים ביי זיינע טויזנטער תלמידים. היות ער האט נישט געלאזט קיין קינדער, איז כדאי זיינע תלמידים זאלן אים איינזין האבן לזכרון טוב ולעילוי נשמה, ביומא דהילולא קדישא, דעם שבת קודש פרשת ויחי הבעל"ט.

**זכר צדיק לברכה לחיי העולם הבא**



מדור "שפתותיו דובבות בקבר"

# דברי יונה און אידיש

**שטיקלעך פון דברי תורה פון מרן זצ"ל**

**צו די דריי און פערציגסטע יארצייט**

**דעם שבת קודש פרשת ויחי הבעל"ט**

ט"ד טבת תשמ"ג - תשע"ד

## אז א מענטש גיט זיך אליינס מוסר פארשפארט ער יסורין

**שופטים** ושוטרים תתן לך בכל שעריך אשר ה' אלקיך נתן לך לשבטיך ושפטו את העם משפט צדק.

**די** של"ה הק' טייטש דעם פסוק, אז עס איז דא זיבען שערים ביי א מענטש, די צוויי אויגען, צוויי אויערן, צוויי נאז לעכער, די מויל, און דער פסוק זאגט, אז א איד זאל לייגען שופטים און שוטרים, ביי די שערים, אז ער זאל זיך באנוצען מיט זיי נאר צו גיין אויפען ריכטיגען וועג.

**לויט** דעם קען מסביר וואס די פסוק פירט אויס לשבטיך, אז עס מיינט א שטעקן, ווי דער לשון הפסוק אין ישעי' (פרק י', פסוק ה') הוי אשור שבט אפי – אז דער לאנד אשור איז דער שטעקן פון מיין צארן צו שטראפן, און דער פסוק זאגט אונז, אז אויב א מענטש וועט פון זיך אליינס לייגען שופטים ושוטרים אויף זיך, ער וועט זיך אליינס מוסר געבען, צו גיין אויף די ריכטיגע וועג, וועט דאס זיין אנשטאט די שבטיך – די יסורים וואס האט געדארפט קומען אויפען מענטש, און ער וועט זיך פארשפארען די אלע יסורין.

**אבער** דאס איז מיט א תנאי, אז ושפטו את העם משפט צדק – אז דער מענטש זאל זיך נישט אליינס אפנארען, נאר ער זיך משפטען מיט אן אמת. (דברי יונה חלק א')

## חודש אלול איז די עיר מקלט

**שלוש** ערים תבדיל לך וגו' והיה לנוס שמה כל רצח (פרק י"ט, פסוקים ב - ג)

**דא** שטייט די פרשה פון ערי מקלט, וואס איז קולט די רוצח בשוגג. די חפץ חיים ז"ל שרייבט אז דער לעצטער זאך וואס משה רבינו האט מתקן געווען אין זיין לעבן, איז געווען די דריי ערי מקלט אין עבר הירדן, וואס נאך אלע זאכען וואס משה די געטרייע פאסטוכער האט געטון פאר כלל ישראל, האט ער מתקן געווען א תיקון אפילו פאר א רוצח בשוגג.

**און** דער ענין פון ערי מקלט, איז נישט נאר געווען א הצלה פאר די גוף פון דעם רוצח, נאר עס איז אויך געווען אן הצלה פאר זיין נשמה, ווייל די לוים האבען גערעדט מיט איהם דארטען דברי מוסר און מען האט איהם מחזיר געווען בתשובה, און ער האט באקריגען זיין עונש אויף דער וועלט אין די ערי מקלט, אזוי איז ער געווארען א בעל תשובה גמור, און ער קומט ארויף ריין צו עולם הבא.

**אזוי** אויך דארף זיין דער ריכטיגער בליק אויף חודש אלול, א בחינה פון א עיר מקלט, ווי די זמן איז מסוגל, אז יעדער זאל זיך אפשטעלן, און מאכען א חשבון הנפש, אויף אלעס ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט דעם לעצטע יאר, וואס ער האט נישט געטון ריכטיג, וואס ער האט גערעדט דברים בטלים וכדומה, און ממילא וועט ער ווערן א בעל תשובה, זיך צו פארבעסערן, און וועט ווערן ריין פון עבירות. (דברי יונה חלק ב')

## די עיקר מלחמה פון יצר הרע איז אין עניני רשות

כי תצא למלחמה על אויביך וגו'.

**זאגט** רש"י, אז די פסוק רעדט זיך וועגן א מלחמת רשות, דאס הייסט אז דער פסוק רעדט זיך אין א אופן ווי עס איז נישט קיין מצוה צו גיין אין מלחמה, נאר א רשות, וואס דעמאלס איז דא דער פרשה פון יפת תואר. איז דארף מען פארשטיין וואס איז דער תכלית פון דער גאנצע פרשה פון מלחמת רשות, וואס ליגט אין דעם א סכנה פאר די לעבן פון אידישע קינדער, און אויב די רבש"ע וויל פארברייטערן ארץ ישראל, איז דאך דא כמה אופנים ווי די רבש"ע קען דאס טון, אזוי ווי ביי די מלחמת מצוה פון יהושע.

**נאר** די תורה קומט אונז מרמז זיין, אז עס איז דא א מלחמה פון רשות אפילו מען איז נישט באפוילען, צו מעורר זיין דעם מענטש, ער זאל וויסן אז ער שטייט שטענדיג אין א מצב פון מלחמה, און אז דער מלחמה איז דוקא אין עניני הרשות, אין זאכען ווי א מענטש מיינט אז עס איז מותר פאר איהם, און עס איז נישט דא קיין איסור על פי תורה, און דוקא דארטען איז דא די מלחמה פון די יצר הרע, נאר צו טון לשם שמים, נישט זיין קיין בעל תאוה.

**[און** ר' יונה האט דעמאלס געגעבן א משל פאר די בחורים, וואס די ישיבה האט דעמאלס געבויט א בנין, און בחורים זענען געגאנגען קוקען, ווי אזוי מען בויט, האט ער געזאגט, אז דער יצר הרע רעדט איין אז עס איז נישט דא קיין שום איסור צו זען ווי מען בויט, אבער ער טראכט נישט אז עס איז דא אין דעם דער איסור פון ביטול תורה, און ווען מען פרעגט איהם וואס ער האט געטון, זאגט ער נאך א ליגענט אויך, אז ער איז פונקט געגאנגען נעמען עפעס וכדומה]. (דברי יונה חלק א')

## דער שלעכקייט פון א צבוע - א פאפער

**לא** יבא עמוני ומואבי בקהל ה' גם דור עשירי לא יבא להם בקהל ה' עד עולם, על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בדרך בצאתכם ממצרים, ואשר שכר עליך את בלעם בן בעור מפתור ארם נהרים לקללך (פרק כ"ג, פסוק ד'-ה').

**מען** דארף פארשטיין, ווייל לכאורה דאס וואס זיי זענען נישט ארויסגעקומען מיט ברויט און וואסער, איז לכאורה א קלייניגקייט כלפי דעם וואס זיי האבען געדינגען בלעם צו שעלטן, און פארוואס רעכנט אויס די תורה די צוויי זאכען צוזאמען אזוי ווי זיי זענען גלייך, און בכלל וואס איז די שייכות צווישען די צוויי טעמים, און פארוואס דארף מען זיי מרחק זיין וועגן דעם.

**נאר** די פשט איז, די גמרא זאגט (סנהדרין דף צ"א.) אין בן דוד בא אלא בדור שכולו זכאי או כולו חייב, דאס הייסט אז משיח קומט נאר אין א דור, וואס איז אין גאנצען ריין, אדער אין גאנצען חייב, איז דאך שווער, אז בשלמא אין א דור שכולו זכאי, אבער ווי אזוי קומט משיח אין א דור שכולו חייב. נאר מען ברענגט פון די אריז"ל, אז די כונה איז, אז משיח וועט קומען אין א דור, וואס עס וועט נתברר ווערן די טוב פון די רע, און עס וועט זיין אדער כולו טוב, אדער כולו רע.

**און** די פשט איז, ווייל די ערגסטע זאך איז צו זיין א תערובות טוב ורע, צו זיין א פוסח על שתי הסעיפים, טאנצען אויףביידע חתונות, אזוי ווי עס איז די מצב פון אונזער דור, א דור פון פאפערס, וואס פון איין זייט, וויל מען האבען אלע תאוות, און מען פילט נישט אז מען איז א רשע, נאר פארקערט, ער האלט אז עס קומט איהם עולם הבא, ווייל ער פירט זיך אויף ווי א יוד, און ער איז נאך א גאנצע דיעה זאגער אין השקפה, און דאס איז פון די פאפערס – רמאים, וואס אלס איז ביי זיי שקר, און אפילו ווען זיי ווילען זאגען אמת, זאגען זיי שקר, ווייל זיי קענען נישט זיין אמת'דיג.

**און** דאס איז די מחלה פון דור, וואס מען פאפט זיך אליינס און אנדערע כאילו מען איז גוט, און חז"ל (סוטה דף מ"ב.) זאגט אז די שקרנים און חנפים זענען נישט מקבל פני השכינה, און וועגן דעם וועט משיח נישט קומען, נאר אין א דור וואס וועט זיין קלאר, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט, און א בעל תאוה, וועט זיך נישט איינרעדן אז ער איז א צדיק, נאר ער וועט וויסען אז ער איז א רשע, ער איז כולו חייב.

**דאס** איז געווען די חטא פון מואב, זיי זענען געווען פאפערס, וואס מצד אחד, האבען זיי געוואלט אויס'הרג'ענען כלל ישראל, האבען זיי געדינגען בלעם צו שעלטען, אבער מצד שני, האבען זיי זיך געוויזען ווי שיינע מענטשען, און דאס וואס די פסוק זאגט, על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים, על דבר – פון לשון דיבור, וואס די מואבים זענען געקומען צו די אידען און געזאגט א דרשה ווי שטארק זיי ווילען העלפען די אידען מיט ברויט און וואסער, נאר מיר האבען נישט קיין פרנסה, מיר האבען נישט קיין געלט, אזוי האבען זיי זיך געוויזען ווי שיינע מענטשען, וואס ווילען העלפען.

**אבער** אינעווייניג זענען זיי געווען פארפוילטע רשעים, ווי מען זעט אז זיי האבען געדינגען בלעם, איז דאס וואס זיי זענען פאפערס, איז דער טעם פארוואס דער תורה וויל אז זיי זאלען נישט קומען בקהל ה'. (דברי יונה ח"ב)

## וויפיל א מענטש וויל ערנסט טון תשובה אזוי איז מען איהם מעורר פון הימעל.

**ובאת** אל הכהן אשר יהיה בימים ההם (פרק כ"ו, פסוק ג')

**רש"י** טייטש, אין לך אלא כהן שבימיך, דו האסט נאר דער כהן וואס איז אין דיינע טעג. פרעגט דער רמב"ן, אז בשלמא אין פרשת שופטים ווען עס שטייט, אז מען זאל גיין משפט'ען אל השופט אשר יהיה בימים ההם (פרק י"ז, פסוק ט'), איז דא א חידוש אז מען דארף פאלגען דעם שופט פון היינט, אפילו ער איז נישט אזוי גרויס, ווי דער פון אמאל, אבער דא וואס מען רעדט וועגן צו ברענגען ביכורים, וואס איז מיר א חילוק וועלכע כהן דאס איז.

**נאר** די פשט אין רש"י קען זיין, ווייל עס איז ידוע אז ווען א מענטש איז געקומען אין בית המקדש ברענגען א קרבן, און די כהנים האבען איהם געפרעגט וועלכע קרבן ער ברענגט, און ער האט געענטפערט, א קרבן חטאת, איז די כהנים, וואס זענען געווען אזעלכע הייליגע מענטשען אז די חכמים האבען נישט גוזר געווען קיין שבות, אין קיין גזירות אין די בית המקדש, ווייל כהנים זריזין הם, און זענען גאר זייער ווייט פון יעדער חשש עבירה, האבען די כהנים אנגעפאנגען צו שרייען ביטערליך, און צו ציטערן געפערליך, אז ווי אזוי האט געקענט זיין אז א איד זאל טון א עבירה אקעגן די רבש"ע, און אזוי איז ער דורך געגאנגען ביי יעדער טריט, ביי די שחיטה, זריקה, און אזוי ווייטער, ביז דער איד איז געווארען צובראכען אויף שטיקלעך מיט א טיפע חרטה.

**אבער** דאס האט זיך געווענדט אויף וועלכע אופן דער מענטש איז צוגעגאנגען צו ברענגען דעם קרבן, ווייל ער האט געוואלט תשובה טון צו רבש"ע מיט זיין גאנצע הארץ, אבער אויב דאס איז געווען א מענטש וואס אלע זיינע מעשים זענען נאר בחיצוניות, וואס ער טוט מצות אנשים מלומדה, און ער האט געקומען ברענגען דעם קרבן אבי צו יוצא זיין, אפצאלען זיין חיוב, אבער עס האט בכלל נישט אנגערירט זיין הארץ, האט מען צוגעפירט פון הימעל, אז ער זאל אנקומען צו אזא כהן, וואס וועט איהם נישט מעורר אויף דעם עבירה צו טון תשובה, ווייל א מענטש קומט ארויס פון בית המקדש, אויף דעם אופן ווי אזוי ער גייט אריין.

**דאס** זאגט רש"י, אז ווען מען קומט צו כהן, איז צו וועלכע סארט כהן וועסטו אנקומען, אין לך אלא כהן שבימיך, שבימיך מיינט לויט די דרגה פון דיינע טעג, ווי אזוי דו אליינס פירסט זיך אויף, אין דיינע טעג, לויט דעם, וועט מען דיך פון הימעל צושטעלן א כהן לויט דיין דרגא.

**מען** לערנט ארויס פונדעם, אז מען וויל אז מען זאל מעורר זיין א מענטש צו תשובה, דארף ער זיך ערנסט צושטעלן מאכען א חשבון הנפש און וועלן תשובה טון. (דברי יונה חלק א')

## מען דארף זיך מחזק זיין מיט די צדיקים פון היינט

**נאך** א פשט קען מען זאגען, אז רש"י זאגט, אז א מענטש זאל נישט זאגען, אז אויב איך וואלט געלעבט אין דעם פריערדיגער דור, און איך וואלט געזען די צדיקים פון א דעמאלס, וואלט איך גאר אנדערש אויסגעזען, אויף דעם זאגט די תורה, אין לך אלא כהן שבימיך, אז דו קענסט זיך מחזק מיט די צדיקים פון היינט, ווייל די צדיקים זענען מיט די בחינה פון שבימיך, פון די דרגא פון די דור, אין דיינע טעג. (דברי יונה חלק ב')

## זייסט זיך מעורר אליינס בתשובה איידער עס קומט דער מדת הדין

**אתם** נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם.

**עס** איז דא צוויי אופנים ווי דער רבש"ע איז מעורר א מענטש זאל תשובה טון אויף זיינע עבירות, איין אופן איז - ווי עס שטייט אין פרקי אבות (פרק ו', משנה ב') בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, דאס הייסט, אז יעדער טאג גייט ארויס א בת קול, פון הר חורב, און רופט אויס און זאגט, ווי איז צו די באשעפעניש פון די שאנדע פון תורה, שטעלט זיך די שאלה, צו וועמען רופט אויס דער בת קול, אויב מיר הערן עס נישט, איז דער תולדות יעקב יוסף (פרשת ויקרא) ברענגט בשם די בעש"ט זי"ע, אז דאס גייט אויף די הרהורי תשובה וואס קומט אריין צו א מענטש.

**דער** צווייטער אופן איז – וואס חז"ל זאגן (ברכות דף ה.) אם רואה אדם שיסורין באים עליו יפשפש במעשיו, ווייל אמאל א מענטש פאלט אראפ אין זיינע עבירות, איז דער אייבערשטער שיקט איהם יסורין ח"ו, כדי ער זאל מאכען א חשבון הנפש און תשובה טון.

**אבער** לכתחילה וויל נישט דער רבש"ע גיין אויף דעם וועג צו ברענגען יסורים, נאר ער בעט זיך ביים מענטש, זיי ווינג מיך נישט זיך צו באניצען מיטען מדת הדין, נאר זיי דיך אליינס מחזק, זיי דיך אליינס מעורר, דורך די הרהורי תשובה וואס איך שיק דיך.

**און** דאס זאגט דער פסוק, אתם נצבים היום כולכם – דער אייבערשטער בעט זיך ביים מענטש אז ער זאל זיך אוועקשטעלן און זיך אפשטעלן פון זיין ירידה, לפני ה' אלקיכם – נאך איידער איך שיק אייך אן דער מדת הדין, ווייל וויפיל מענטשען לייד ווייל זיי זענען נישט אליינס נתעורר געווארען בתשובה, בעט זיך די תורה אז מען זאל נישטווארטען פאר דעם, נאר מען זאל נתעורר ווערן פאר דעם. (דברי יונה חלק ב')

## מען זאל דינען די רבש"ע מיט די גאנצע איד - די גאנצע הארץ

**אתם** נצבים היום כולכם וגו' כל איש ישראל.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, אז עס שטייט שוין כולכם, פארוואס דארף שטיין כל איש ישראל.

**נאר** עס קען זיין די כונה, אז דער אייבערשטער וויל אז דער גאנצער איד זאל דינען איהם, נישט א האלב פון דער מענטש, ווייל אויב עס פעלט א שטיקעל פון די איד אין עבודת ה' איז דאס א מום, אזוי ווי א קרבן דארף זיין תמים, און אויב עס פעלט א שטיקעל איז דאס שוין נישט גאנץ, און די רבש"ע וויל אז די גאנצע איד זאל שרייען מיט זיין גאנצע הארץ אז איך וויל דינען איהם.

**איז** דער תורה זאגט אונז אז די רבש"ע וויל צוויי זאכען, אתם נצבים כולכם – דאס גייט אויף די כמות, אז די רבש"ע וויל אז יעדער איד זאל דינען צוזאמען, ווייל כלל ישראל איז איין גרויסע גוף, אבער נאכדעם בעט אויך כל איש ישראל - כל איז א לשון פון שלימות – א גאנצע, אז ער וויל האבען די גאנצע פון יעדער איד באזונדער, און דאס רעדט זיך פון די איכות פון יעדעם איינעם באזונדער, אז ער זאל דינען מיט זיין גאנצע הארץ. (דברי יונה חלק ב')

## דער אייבערשטער מאנט נאר די תשובה לויט די מצב פון דור

**כי** המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא וגו' כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו (פרק ל', פסוקים י"א-י"ד).

**די** רמב"ן לערנט אז המצוה הזאת גייט אויף מצות תשובה, און עס איז קרוב אליך בפיך – מיט דיין מויל צו זאגען ווידוי, ובלבבך – צו תשובה טון אין דיין הארץ. אבער מען דארף פארשטיין, איז דען תשובה אזוי גרינג צו דערגרייכען אז דער פסוק זאל זאגען אויפדעם די קרוב אליך הדבר מאוד, לכאורה מיר אלע ווייסען דאך ווי שווער עס איז צו טון תשובה, און דער יצר הרע פארלייגט זיך מיט אלע כוחות צו מבלבל זיין דעם מענטשענס מוח, אז ער אפילו נישט וויסען אויף וואס צו תשובה טון.

**נאר** עס קען זיין, די גמרא זאגט אין ראש השנה (דף י"א) פארוואס בלאזט מען צוויי מאל תקיעות, תקיעות דמיושב און תקיעות דמעומד, כדי לערבב את השטן, און תוספות ברענגט פון די ירושלמי, אז ווען מען בלאזט דעם צווייטע מאל, מיינט דער שטן אז עס איז געקומען די צייט פון דעם שופר גדול, ווי מען גייט איהם שחט'ען, און ממילא ווערט ער מבולבל.

**פרעגט** דער סאטמאר רב זצ"ל דער שטן הערט דאך יעדער יאר ווי אזויט מען בלאזט א צווייטע מאל, זאל ער דאך שוין וויסען פון א יאר פריערט, אז דאס מיינט נישט אז עס איז געקומען די זמן הגאולה, איז פארוואס זאל ער מיינען אז פונקט דעם יאר וועט זיין די גאולה.

**ענטפערט** די סאטמאר רב, אז אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (עבודה זרה דף ג.) און ער שאצט די תורה און מצות און תשובה, לויט די מצב פון די דור און אירע מענטשען, אז אויב דער דור איז אין א דערהויבענע מצב, ווערט נישט נתקבל די תשובה זייערע, נאר עס ווערט געטון בתכלית השלימות, אבער אויב מען איז אין א נידריגע דור, פאדערט מען נישט פון הימעל נאר אז מען זאל זיך אביסעל אנשטרענגען, און ממילא די שטן האט מורא ידעס יאר פון דאסניי אפשר יעצט איז געקומען די זמן הגאולה, ווייל הגם אז די תשובה פון א יאר פריערט האט נישט געהאלפען, אבער אפשר דאס יאר לויט די שפלות הדור, וועט דעם דרגה פון תשובה זיין גענוג.

**קען** זיין דאס זאגט דער פסוק כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך "היום", אז דו זאלסט זיך נישט מייאש צו זאגען או דער מצוה איז נישט שייך צו דיר, ווייל דער רבש"ע פאדערט נאר לויט די דרגה ווי דו שטייסט "היום", היינט לויט דיין יכולת, און לויט די היינטיגע מצב פון דור, און ממילא לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא כי קרוב אליך הדבר מאוד, זיי דיך מחזק צו חרטה האבען לויט דיינע כוחות, און פרוביר דינען דעם רבש"ע פון יעצט און ווייטער לויט דיינע כוחות. (דברי יונה חלק א')

### יעדער דארף לערנען לויט זיין תפקיד אין לעבן

**עירובין (דף יג:)** אמר רבי, האי דמחדדנא מחבראי, דחזיתיה לרבי מאיר מאחוריה, ואילו חזיתיה מקמיה, הוה מחדדנא טפי, דכתיב והיו עיניך רוואות את מוריך.

**רבי** האט געזאגט, אז דאס וואס איך בין שארפער פון מיין חבר, ווייל איך האב געזען ר' מאיר פון אונטער איהם, און אויב איך וואלט געזען ר' מאיר פון פארענט, וואלט איך געווען שארפער. דארף מען פארשטיין, איז אויב אזוי, פארוואס האט ער טאקע נישט געזיצען פון פארענט.

**נאר** די פשט איז, אז מען האט אוועקגעזעצט יעדער תלמיד אויף זיין ריכטיגער פלאץ, ווי ער זאל קענען זיך באניצען מיט זיינע כוחות אויף לימוד התורה, און אויב מען וואלט אוועקגעזעצט רבי העכער ער זאל קענען זען ר' מאיר פון פארענט, וואלט עס געווען אסאך גרעסער פון זיין דרגה, אין זיין תפקיד אין לעבן, וואס די תפקיד פון רבינו הקדוש אין לעבן איז געווען צו אויסלערנען כלל ישראל די משניות, איז געווען אן הכרח אז גענץ כלל ישראל זאל קענען טרינקען פון זיין תורה, און ממילא אויב רבי וואלט געווען שארפער, וואלטען נישט אלע געקענט מקבל זיין פון רבי, וואלט עס געווען א מעילה אין זיין תפקיד. (דברי יונה ח"א דף רע"ב)

### די פגם פון נישט אפהיטען די אויגען און די מויל גיטין (דף נ"ו.)

**ביי** די מעשה פון קמצא ובר קמצא, אז מען האט געזאגט צו די קיסר אז ער זאל שיקען א קרבן צום בית המקדש, און ער וועט זען אז זיי גייען נישט מקריב זיין די קרבן, און זיי האבען געמאכט א מום פאר די בהמה אין די ליפען – ניב שפתים, אדער אין די דוקין פון די אויג, וואס פאר די אידען האט עס אן הלכה פון א מום, און ביי די גוים הייסט עס נישט קיין מום.

**מען** קען זאגען אז דא ליגט א רמז, אויף די ענין פון שמירת הפה און שמירת העינים, אז ביי די גוים איז דאס נישט קיין מום, ווייל עס קען זיין אפילו א קעניג צו א פרעזידענט, הגם ער רעדט לשון הרע און ניבול פה, און עס הייסט נישט ביי איהם קיין פגם, אבער ביי א איד, איז נישט אזוי, נאר איין פסול'עווארט וואס ער רעדט ארויס איז פוגם אין זיין גאנצע רחניות'דיגע דמות, און עס איז פוגם די תורה וואס ער געלערנט, און אויב ער איז פוגם אין די אויגען, איז עס מזיק די רוחניות'דיגע אויגען, און ער קען שוין נישט זען אין השגת התורה ווי אין אנפאנג, טראץ וואס ער מיינט ער זעט ווי אלעמען.

**און** למשל ווי איינער וואס זעט נישט קיין קאלירען, נאר אלס איז ביי איהם שווארץ און ווייס, ער מיינט ער זעט אלס, אבער ער טאר נישט פירען קיין קאר, ווייל ער ווייס נישט ווען עס איז גרין און ווען עס איז רויט, אזוי אויך ווען עס ווערט נפגם די רוחניות'דיגע אויגען. (דברי יונה ח"ב דף ר"כ)

### א מענטש דורך זיין לעבן האט נישט קיין אויגען צו זען זיין מצב

**עבודה זרה (דף כ:)** אמרו עליו על מלאך המות שכולו מלא עינים, בשעת פטירתו של חולה עומד מעל מראשותיו וכו'.

**קען** זיין א רמז, אז במשך די גאנצע לעבן א מענטש טראכט נישט אריין אין זיין מצב, און זיינע אויגען זעען נישט, אז ער דארף מתקן זיין זיינע מעשים, און ווען ער ווערט עלטער פארשטייט ער אז וואס ער האט געטון ווען ער איז געווען יונגער איז נישט געווען ריכטיג, אבער ער מיינט אז וואס ער טוט יעצט איז יא גוט, און אזוי גייט דאס גאנצע לעבן, ביז ער קומט אן צו זיין פטירה, ווען דער מלאך המות קומט אן צו איהם, קומט עס פיל מיט אויגען, אז זיינע אויגען מאכען זיך אויף, און ער זעט איין אז זיין גאנצע לעבן בלי שום יוצא מן הכלל האט ער נישט געטון וואס ער דארף. (דברי יונה ח"א דף ר"צ)

### פתחו לי פתח כחודו של מחט - ווייל עס שטעכט

**חז"ל** זאגן (מדרש שיר השירים פרשה ה', סימן ג') פתחו לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם.

**דאס** הייסט, ענק זאלען אויפמאכען אין עבודת ה' א קליינע עפענונג ווי דער שפיץ נאדעל, וועל איך –די רבש"ע- אויפמאכען פאר אייך ווי דער עפענונג פון דער אולם (אין די בית המקדש וואס איז געווען צוואנציג אמות אפען). מען קען מרמז זיין אין דאס וואס די גמרא כאפט א שפיץ נאדעל פאר א משל פון א קליינע עפענונג, ווייל א נאדעל שטעכט, צו זאגען, אז דאס ביסעל וואס ענק עפענען אויף, זאל זיין מיט אביסעל שטעכן פון זיך, עפעס זיך אביסל אנשטרענגן, עפעס אביסל אוועקגעבן פון די אייגענע באקוועמליכקייט פאר די רבש"ע, דעמאלס וועט די רבש"ע אויפמאכען אלע שערים, אז עס זאל גיין גרינג, זאלסט קענען אנקומען ביזען דרגה פון פון פתחו של אולם, ביזען קדשי קדשים אריין. (דברי יונה ח"ב דף קצ"ט)

### געדענקען די יום המיתה

**בכל** עת יהיו בגדיך לבנים (קהלת פרק ח', פסוק ט').

**קען** זיין א רמז, אז א מענטש זאל געדענקען כסדר אז עס וועט קומען א טאג, ווי מען גייט איהם אנטון א ווייסע קיטעל מיט תכריכים. איך האב געזען מיט מיינע אייגענע אויגען אין נייטרא, ווי עס איז געווען א בית המדרש פיל מיט מענטשען, און פליצלינג האט מען אויפגעהאנגען א קליינע צעטל אז יעדער דארף זיך אויפשרייבען, און עס נישט דורך דריי טעג, און עס איז נישט איבערגעבליבען אין בית המדרש מער ווי דריטעל, און די איבעריגע זענען אוועקגעשיקט געווארען צו די לאגערן פון טויט לא עלינו, און פאר דעם איז געווען עולם כמנהגו נוהג, אלס ווי נארמאל, און פלוצלינג איז געקומען דער ביטערע טאג, איז קיינער ווייסט נישט דעם עתיד, איז דארף מען תשובה טון.

**עס** איז געווען א איד וואס האט מיר פארציילט, אז ער איז געווען אין די לאגער אין קראקא, און די רשעים ימ"ש האבען געשאסען אין יעדער איינער, און מען האט אין איהם אויך געשאסען, אבער עס איז איהם געשען א נס, אז די פייל איז נישט אריין אין איהם, אבער ער האט זיך געווארפען אויף דער ערד, אז די רשעים זאלען מיינען אז ער איז טויט ווי די אנדערע, און אזוי איז ער געראטעוועט געווארען, און דער איד האט מיך געזאגט, אז ער האט געהאט אן הרגשה פון פריערט אז ער גייט נישט יעצט שטארבען, אבער איך האב איהם מוכיח געווען, אז פון ווי ווייסט ווי אזוי עס פילט פאר מען שטארבט, אז ער זאל וויסען אז יעצט גייט ער נישט שטארבען. ווייל די יסוד וואס די תורה לערנט איז, אז כסדר דארף א מענטש טראכטען, ווי אזוי ער שטייט פאר די יום המיתה. (דברי יונה ח"א דף רפ"ו)

### די עיקר תשובה פון א ישיבה בחור איז אויף ביטול תורה

**א** חזן האט אמאל געפרעגט ר' ישראל סאלאנטער זצ"ל, אויף וואס זאל ער תשובה טון, האט ער געענטפערט, אז ער זאל משתדל זיין צו זינגען זייער שיין, וויבאלד מען צאלט איהם אויפדעם. אזוי אויך א בחור אין ישיבה, איז דא אין ישיבה פאר דעם תכלית צו לערנען, דארף זיין עיקר תשובה זיין צו לערנען בהתמדה. און אויב ער האט נישט קיין גוטע חברותא איז דאס א עונש וועגן זיין ביטול תורה. (אין א צווייטע פלאץ זאגט מרן זצ"ל): אז נישט האבען א חברותא, איז דאך יסורים, און די גמרא זאגט דאך אין שבת דף נ"ה. אז אין יסורים בלא חטא – (דברי יונה ח"א דף רפ"א)

### ביטול תורה מיינט אפילו אביסעל מבטל זיין

**ביטול** תורה מיינט נישט דוקא אז מען איז אינגאנצען מבטל פון דער תורה, נאר אפילו אביסעל מבטל זיין הייסט אויך ביטול, אזוי ווי תוספות זאגט אויף די גמרא אין סוטה (דף מ"ח:) אז משחרב בית המקדש בטלה זכוכית לבנה, אז ווען די ביהמ"ק איז חרוב געווארען, איז בטל געווארען ווייסע גלאז, זאגט תוספות אין חולין (דף פ"ד: דיבור המתחיל בזוגיתא) אז עס איז נישט בטל געווארען אינגאנצען, נאר אז עס איז נישט אזוי שכיח צו טרעפן, זעט מען אז ביטול מיינט נישט אז עס איז בטל אינגאנצען. (דברי יונה ח"א דף רס"ב)

### די טענה אז עס איז שוין צו שפעט פאר מיר צו פארעכטען

**אמאל** טראכט זיך א מענטש, איך בין שוין דורכגעגאנגען רוב פון דער יאר, איך אויב שוין סיי ווי נישט געלערענט, וואס לוינט זיך שוין פאר מיר צו פאררעכטען, איז משל למה הדבר דומה, צו איינער וואס איז שוין א חולה פאר א גאר לאנגע צייט, און יעצט האט מען איהם מודיע געווען אז עס איז דא עפעס א דאקטאר וואס קען איהם אויסהיילען, וועט דען די מענטש זאגען, איך בין שוין דורכגעגאנגען אזא לאנגע צייט מיט דעם מחלה, צו דען פונקט יעצט זאל איך גיין צו א דאקטאר זיך צו היילען, אפילו קיין איין מענטש וועט נישט זיין אזא שוטה דאס צו זאגען, נאר וויבאלד ער וועט הערן פון דעם דאקטאר וועט ער לויפען מיט א שמחה זיך צו באנוצען מיט דעם רפואה.

**און** דאס איז ווען מען רעדט וועגן יסורי הגוף וואס בלייבט נישט פאר אייביג, איז אוודאי ווען מען רעדט וועגן יסורי הנפש, וואס דאס בלייבט לנצח נצחים, אז מען זאל תשובה טון ווילאנג מען קען נאך פאררעכטען, ווייל אפילו דער ערגסטער מענטש קען תשובה טון ווען ער וויל, ווי דער רמב"ם שרייבט (הל' תשובה פרק ב', הל' א') אז אפילו די לעצטע מינוט וואס א מענטש לעבט קען ער תשובה טון. (דברי יונה ח"ב דף קצ"ז)



מדור "מילי דהספידא" (א)

# מילי דהספידא

## וואס איז געזאגט געווארען

דורך הרה"צ ר' **שלמה פעלדמאן** זצ"ל

ב"ח מרן הגה"צ זצ"ל

ומייסד ת"ת תפארת יונה דבני שלמה

## ביומא דהילולא פון מרן זצ"ל

**שמענו** כמה וכמה פעמים מפי בעל ההילולא רבי יונה זצ"ל, שהיה מספר על הגאון רבי ישראל סאלאנטר זצ"ל, שהלך פעם לטייל עמוק בתוך איזה יער ברוסלאנד, והוא היה מטייל ככה יחד עם התלמידים שלו, כמובן שהיו עוסקים בשעת הטיול בדברי תורה, ובדברי מוסר ומעשים טובים כדרכו של ר' ישראל זצ"ל, פתאום בתוך טיולם באמצע היער, וזה היה מאוחר מאד בלילה, שמעו איזה קול של אדם שבוכה, הם התקרבו יותר להקול, שמעו שיהודי יושב ובוכה ומתאונן ואומר שכינתא בגלותא, השכינה היא בגלות, הם התקרבו יותר ויותר לראות מי הוא היהודי הזה שיושב בתוך היער ומתאונן באמצע הלילה על גלות השכינה, עד שהגיע למקור הקול, וראו שם חייל רוסי, כמובן שזה היה יהודי שמחמת הפחד שהיה באותם זמנים התחפש לחייל רוסי, אבל באמת היה צדיק נסתר וישב באמצע היער וקונן על חורבן בית המקדש, ערך תיקון חצות באמצע הלילה בבכיות על גלות השכינה, והתפלל בדמעות שליש שיבנה בית המקדש.

**הסיפור** הזה לא נגמר אז, אלא הרבה שנים אחר כך, שוב אירע שר' ישראל זצ"ל היה מטייל בתוככי היער באמצע הלילה, והגיע שוב קרוב למקום ההוא, ומה הוא ראה שם, הוא ראה שהוקם שם מקום קדוש, עמד שם בית המדרש בנוי שבו ישבו ולמדו, וקול התורה לא נפסק משם, ישבו ולמדו שם ביום ובלילה וקיימו את כל המצוות ממש, היו שם אנשים עובדי השם ממש, נענה הגה"צ ר' ישראל סאלאנטר ואמר, כל מה שאנו רואים עכשיו במקום הזה, זה נבנה על ידי האנחה של החייל ההוא, שצעק ובכה באותו הלילה שכינתא בגלותא, ומתוך הבכי שלו יצא כל הבית הגדול הזה, כי שום תפלה של יהודי שום אנחה של יהודי, אינו הולך לריק ח"ו, וגם הבכיות שלו לא היו לבטלה, הוא באמת התפלל ובכה על חורבן בית המקדש, הוא רצה שכבר יבנה בית המקדש בתפארתו וביופיו במהרה, אבל התפלה שלו היה עושה מחצה, והגם שעוד לא זכינו לבנין בית המקדש, אבל נבנה שם בית מקדש מעט, מקום קדוש לתורה ולתפלה, והכל על ידי אותה אנחה של יהודי על גלות השכינה.

**מה** שאני רוצה בזה לומר לענינינו, הרי כל אחד יודע כפי שכבר הזכרתי קודם, שהמקום קדוש המוסד המפואר ששמו נייטרא ישיבה, שנבנה מחוץ לעיר במאנט קיסקאו, והוא כבר עומד במשך ארבעים שנה, וכבר יצאו גם יצאו משם תלמידי חכמים ידועים אנשי שם, רבנים גאונים מפורסמים, בעלי בתים יראים ושלמים לה' ולתורתו, כל זה נובע מכח רבותינו שייסדו את המקום, הלא הם רבי מיכאל בער זצ"ל ורבי יונה זצ"ל, שהכניסו כל כך הרבה כוחות להעמיד המקום קדוש הזה.

**אבל** השאלה הנשאלת היא, אם רבי יונה הקים את הישיבה הקדושה, שהיתה הדירת קבע שלו במקום מרוחק מן העיר, אם כן מדוע העמיד את הדירת ארעי שלו דוקא בנוא יארק ולא במאנט קיסקאו, אמנם קשה להכנס לטעמים, אבל כל אחד בודאי יענה שהסיבה לכך פשוטה, שהרי רבי יונה לא היה רק הראש הרוחני של הישיבה, אלא גם הראש הגשמי, והיה צריך להיות קרוב לעיר, כדי להגיע לבתי נדיבי העם, הרי כמה וכמה פעמים יהודים אמרו שמצאו אותו באמצע היום בעיר מאנהעטן ברחוב 47, שמתרוצץ בין משרדי העשירים לטובת הישיבה, אבל כאן אני רוצה לגלות לכם סוד, שיש סיבה נוספת לכך שהוא היה מתגורר מרוחק מן הישיבה בתוך העיר דייקא, הוא חיפש דירה כאן, כדי לתת אפשרות ליהודים שבורים שחיפשו למי אפשר לשפוך כמים את שברון לבם, אם זה מחמת צרות רוחניות, או גשמיות, אם זה היה שלום בית, או לעשות שלום בין אדם לחברו, לאן ילך יהודי מתוך העיר שזקוק לישועה בענינים אלו, וכי יסע למאנט קיסקאו, זו עבודה קשה.

**רבי** יונה זצ"ל רצה שביתו יהיה כמו ביתו של אברהם אבינו ע"ה, שכידוע שאהלו של אברהם אבינו היה בו פתח לא רק מצד אחד, אלא מכל הארבע צדדים, כדי שאורח לא יצטרך לחפש אחרי הפתח, ומיד ימצא הדרך להכנס פנימה, זה היה רבי יונה, הוא סידר את החיים שלו, באופן שכל יהודי שיש לו איזה מכשול ומניעה בחיים, שימצא אותו בתוך העיר, ויהיה אפשר להגיע אליו, וזה לא היה נפק"מ מתי זה היה, אם זה היה לפנות בוקר או באמצע הלילה, תמיד ידעו היכן היא הדירה שרבי יונה נמצא בה, ושם שפכו את הלב, יהודי היה נכנס לשם מר וכאוב עם צרות, ויצא משם שמח וטוב לב, וכמובן זה לא היה בגלל הדירה, אלא בגלל מי שהיה נמצא בתוכה, הלא הוא הצדיק ר' יונה זצ"ל, בדירה הזו נשפכו כל האנחות והכאב של יהודים, שהוא קיבל אותם בסבר פנים יפות ובשמחה, והכניס את הצרות של כל אחד לתוך לבו.

**כל** הדברים האלו לא נאבדו מן העולם, זה לא הלך לבטלה, הדירת ארעי הזו שרבי יונה היה גר בתוכה, זה דבר שנשאר לנצח, ויפה אמר יהודי אחד שהגיע לנחם אבלים בימי השבעה, שבדרך כלל כשבאים לבית האבל, רואים שמכסים בסדינים את כלי הכסף והמראות וכדומה, אבל אצל ר' יונה לא היה שום סדין, כי לא היה מה לכסות בו, לא היה שום דבר בביתו מלבד ספרים ללמוד בהם, זה היה ממש דירת ארעי, שהיה עשוי רק ללמוד בו תורה ולעזור ליהודים, וכפי שרואים בסיפור המעשה של ר' ישראל סאלאנטר כן הוא גם כאן, שמדירת ארעי זו נעשה דירת קבע, והיינו שקובעים בו עתים לתורה באופן שלא יאומן, בבית פשוט כזה שאין בו כלום חוץ מארבע קירות, אין בו שום דבר יפה, דוקא בית זה הוא בית קבע לקדושה, כפי שהתבטא ראש ישיבה של ישיבה ידוע, שהבית של ר' יונה אפילו היום שכבר עברו שנתיים אחרי פטירתו, הוא הבית היפה ביותר בכל העיר בארא פארק.

**ובמה** כוחו יפה, כולם יודעים שאין זה מחמת המראה החיצוני שלו, אין בו שום דבר יפה בחיצוניות, אבל הבית הזה כבר שלשה חדשים לאחר פטירתו של רבינו, כבר נתייסד בו מוסד הנקרא תלמוד תורה תפארת יונה על שמו של רבי יונה זצ"ל, [והמוסד הזה התייסד והתנהל על ידי בנו חורגו וחביבו הרב ר' שלמה פעלדמאן זצ"ל], בתלמוד תורה הזה רואים דברים נפלאים שאין רואים במקומות אחרים, למשל איך שהתלמידים מכל שכבות היהדות זורמים לשם כל יום ששי שעה וחצי לפני כניסת השבת ללמוד מוסר, אחרי שכבר למדו ביום זה משניות, ועכשיו באים לעוד שיעור בספר ארחות צדיקים, ובימות הקיץ הארוכים זה ממש מלא, ואפילו בחורף בזמנים קשים יותר, ובאים לשם מנהלים וראשי ישיבות למסור שיעורי מוסר לתלמידים, וכן במוצאי שבת קודש, שתיכף ביציאת השבת באים ללמוד את ספר התהלים, וכהנה וכהנה פעולות גדולות ונשגבות שעושים במקום קדוש זה, והכל כדי להכניס בנפש הילדים חינוך על טהרת הקודש, כמו בהסיפור של ר' ישראל סאלאנטר שכל זה יצא על ידי האנחה של היהודי שקונן שם על חורבן בית המקדש, כן הוא כאן, מהמחשבות הטובות של היהודי הצדיק רבי יונה זצ"ל, שהיה יושב בתוך הדירת ארעי שלו, ועסק בתורה וחסד לשם שמים, שום דבר מזה לא הלך לבטלה.

**ואי** אפשר להכחיש זאת, שאחד מסודות ההצלחה החשובים ביותר של התלמוד תורה תפארת יונה, הוא שהמחשבות והמעשים של רבי יונה זצ"ל שחשב ועשה במקום זה, זה מצמיח ישועות בפועל היום הזה, והכוחות האלו מלווים את התלמוד תורה בכל עת ובכל זמן, ומן הראוי להזכיר מה שעשו התלמוד תורה הזה תפארת יונה בחג הסוכות תשמ"ה, שהזמינו מעמד שמחת בית השואבה פעמיים במשך ימי החול המועד, ולא בשעות הלילה אלא דייקא באמצע היום, בשעה שילדים אחרים מסתובבים ברחוב ואין יודעים מה לעשות עם היום, וחלק מן ההורים מוליכים את ילדיהם למקומות שלא היה צריך ללכת, ומוציאים הרבה ממון על הבלים, וההורים אין להם מנוחה, דייקא בשעות אלו קיבצו התלמוד תורה יותר מחמש מאות ילדים, שיהיו נמצאים במקום קדוש במשך למעלה משש שעות, שבהם הם שמעו דיבורים מרבנים חשובים, ואמרו תהלים יחד, ועסקו בדברי התעוררות ברוח יהודי, וקיבלו מתנות של ספרי קודש, וכל אחד יצא משם ממש עם עונג יום טוב.

**מכל** זה אפשר לראות שהחיות של רבי יונה לא נפסק, ומדירה פשוטה שלו נבנה ממש מוסד שהוא שלא על מנת לקבל פרס, וצריך לציין את הזכות הגדולה של הרבנית תליט"א [ע"ה] שמסרה את דירתה למען ה' ותורתו, רק כדי לעשות רצון הבורא, בדיוק כמו שר' יונה היה עושה כשהוא היה בחיים חיותו, מכל זה אנו מרגישים שהוא ממש אתנו, הן על ידי הדירה שלו והן על ידי הישיבה והמוסדות שלו, והתפקיד שלנו הוא להמשיך בדרכו ולקיים מאמר חז"ל צדיקים במיתתם קרויים חיים, והקב"ה יעזור שאם נלך בדרכים אלו, נזכה לביאת גואל צדק ולתחיית המתים, ורבינו יקום לתחיה בפועל ממש, ולא יהיה לנו במה להתבייש ממנו, כי הלכנו בדרכים שלו, יהי זכרו ברוך, ואני מבקש אם אפשר שכל תלמידי הישיבה באמת ייחדו את יום ההילולא שלו, ט"ז טבת פרשת שמות, לתורה ולתפלה ואמירת תהלים ולימוד משניות לעילוי נשמת מרן רבינו ר' יונה ב"ר ישראל הלוי זצ"ל זי"ע.

המשך מילי דהספידא על דף ט"ו



מדור "דבריהם הן הן זכרונם"

# קטעים עובדות ומשלים

**וואס זענען געזאגט געווארען**
**דורך הגה"צ מרן רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל**

**צו די דריי אין פערציגסטע יארצייט**
**דעם שבת קודש ויחי הבעל"ט**
ט"ז טבת תשמ"ג - תשע"ד

